פערלאַג „די וועלט".

# די פויערים-בעפרייאונג.

איבערזעצט פון רוסיש.

68422

דרוק פון י. פיראָזשניקאָוו.

# Освобожденіе крестьянъ.

Вильна, типографія И. I. Пирожникова Завальная ул д. № 1147.

1906

I.

דעם 19-טען פעברואר 1861 האט בעקומען א טוידט-קלאפ דאס אלטע רוסלאנד פון ניקאלאי דעם 1-טען. דאס זעלבע רוסלאנד, וועגען וועלכער דער רוסישער פובליציסט בעלינסקי האט אזוי געשריבען: „דאס איז דאס שרעקליכסטע בילד פון א לאנד, וואו מענשען האנדלען מיט מענשען, ניט האבענדיג דערויף אפילו דעם כלומרשט'דיגען אויסרייד פון די אמעריקאנער פלאנטאטארס, וועלכע טענה'ן, אז דער נעגער איז ניט קיין מענש; פון א לאנד, וואו מענשען האבען זיך אליין גערופען ניט מיט נעמען נאר מיט צונעמען: וואנקא, וואסקא, סטיאפקא, פאלאשקא; פון א לאנד, וואו ניט נאר די פערזענליכקייט, עהרע און אייגענטהום איז ניט געווען געזיכערט, נאר וואו ס'האט אפילו נישט עקזיסטירט קיין פאליציייאישע ארדנונג, וואו עס האט נאר געהערשט א גרויסע חברה פון פערשיעדענע בעאמטע, פון געוויסענלאזע פלינדערער".

אויב פון 1861 ביז 1881 יאהר איז דער 19-טער פעברואר דאך געוועזען אן אפיציעלער יום טוב, איז דאס נאר דעריבער, ווייל אין דעם אייגענעם טאג איז אויך אויסגעקומען דער טאבעל-טאג, ווען אלעקסאנדער דער צווייטער איז ארויף אויף דעם טהראן. דער 1-טער מערץ 1881, וועלכער איז אין די אויגען פון אזוינע לייט, ווי מעשטשערסקי און קאטקאוו געווען דער פועל-יוצא פון 19-טען פעברואר, האט געגעבען די רעאקציאנערען די געווינשטע געלעגענהייט צוערשט אבצושוואכען דעם יום-טובדיגען כאראקטער פון דעם טאג און דער נאך איהם אין גאנצען מבטל צו זיין. ס'איז ענדליך געקומען אזא צייט, ווען דאס פייערען פון 19-טען פעברואר האלט מען פאר א פאליטישען פערברעכען, און „יענע חברה בעאמטע און געוויסענלאזע פלינדערער" וועלכע האבען איצט ארויפגעצוינען

אויף זיך א שענערע מאסקע, האבען אנגעהייבען קוקען אויף דעם, ווי אויף א פערזענליכע בעליידיגונג.

ניט קוקענדיג אויף די פיעלע לעגענדעס, וועלכע זענען אין א קורצער צייט אויסגעוואקסען ארום דער געשיכטע פון דער פויערען־בעפרייאונג, האט באמת דיזער טאג אפילו 44 יאהר צוריק אויך ניט געטראגען קיין יום־טוב׳דיגען כאראקטער. מיר וועלען נאר דערמאנען איין אינטערעסאנטען פאקט: אין דעם ערשטען פראיעקט פון מאניפעסט וועגען דעם בעפרייאונגס טאג איז געשטאנען: „אין דעם טאג, וועלכער איז א טאג פון שמחה פאר אונז און פאר אלע אונזערע טרייע אונטערטהענער". אין דעם פראיעקט אבער, וועלכען עס האט פארגעלייגט דער מיטראפאליט פ י ל א ר ע ט, האט מען שוין דיזע ווערטער ארויסגעווארפען. אין איין בעזונדערען ערקלערונגס־בריעף מאטיווירט ער דאס אזוי: „איך האב ניט דערמאנט וועגען די שמחה, כדי עס זאל ניט געזאגט זיין אין קייזערס נאמען אזא ווארט, מיט וועלכען פיעלע טרייע אונטערטהאנער, וועלען ניט מיטפיהלען". און באמת איז רוסלאנד אין דעם טאג געווען ווייט פון שמחה. די ערקלערטע פרייהייט האט ניט געמאכט דעם איינדרוק, ווי עס וואלט געפאסט פאר אזא גרויסארטיגען און פייערליכען היסטארישען מאמענט. פערקעהרט, דער ערשטער איינדרוק איז געווען „דונקעל אונבעשטימט און גאר ניט פרעהליך".

אין א געוויסען גראד ערקלערט זיך דאס מיט די אומשטענדען, ביי וועלכע די פרייהייט איז פראקלאמירט געווארען. די „בעפרייער" האבען ווי אליין ניט געגלויבט אין זייער בעפרייאונגס־שליחות און האבען מורא געהאט פאר די בעפרייטע. די אונגעהויערע „חברה פון אלערליי בעאמטע און ניט בעאמטע געוויסענלאזע פלינדערער" האט אנגענומען בעשטימטע מיטלען זיך צו בעשיצען—ניט געגען די קנעכט־איינענטהימער, ניט געגען די פריצים—ניין! פאר דיזע שונאים האט אונזער „חברה" זעהר וועניג מורא געהאט. זי האט זיך געזוכט צו בעשיצען געגען די פויערים, וועלכע האבען אייגענטליך געדארפט נאר דאנקען און פרעהען זיך. נאך א צייט פריהער, איידער מען האט ערקלערט די פרייהייט, האט י א ק א וו ר א ס ט א וו צ ע וו, דער

„ענטוזיאַסט", וועלכער האָט אויס ליעבע צום אֶמת אַרויסגעגעבען זײַנע חברים דעקאַבריסטען, אויסגעאַרבײַט אַ פּראָיעקט וועגען צײַטווײַליגע גענעראַל-גובערנאַטאָרען, וואָס האָבען געזאָלט האָבען אויסער־געוויינליכע פֿאָלמאַכט בײַם פֿערשטיקען די אונרוהען. ווען לאַנסקאָי איז אַרויסגעטראָטען געגען דעם פּראָיעקט, דערוויזענדיג, אַז דאָס פֿאָלק וועט זיך ניט שטעלען ענטגעגען, ווײַל ער פֿיהלט מיט אַלע גוטע אַבזיכטען פֿון דער רעגירונג, האָט דער קיסר, דער בעפֿרײַער, וועלכער האָט אונבעגרענצט געליעבט זײַן פֿאָלק, געענטפֿערט: „דאָס איז אַלץ כל זמן דאָס פֿאָלק האַלט אין וואַרטען: ווער קען אָבער ערב זײַן, אַז ווען מען וועט דאָס נײַע געזעץ אַרײַנפֿיהרען אין לעבען און דאָס פֿאָלק וועט זעהען, אַז זײַנע האָפֿענונגען, ד. ה. די פֿרײַהײַט ווי ער פֿערשטעהט, איז ניט מקוים געוואָרען, ווער קען ערב זײַן, אַז ער וועט דאַמאָלסט ניט אַרײַן אין אַ ביטערער פֿערצווייפֿלונג? דאַמאָלסט וועט שוין זײַן שפּעט צו שיקען פֿון דאַנען בעזונדערע מענשען צו בערוהיגען. מען דאַרף זיי זאָלען שוין אַצונד זײַן אויף די ערטער.

פֿאַר פֿיעלע מיטגליעדער פֿון די רעדאַקציאָנס־קאָמיסיעס איז געבליבען בסוד סודות אַלץ, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין דער צײַט פֿון 10־טען אָקטאָבער 1860 ביז דעם 5-טען מערץ 1861 ד. ה. פֿון דעם טאָג, ווען מען האָט פֿאַנאַנדערגעלאָזען די רעדאַקציאָנס־קאָמיסיעס ביז דעם טאָג, ווען מען האָט פֿערעפֿענטליכט דעם מאַניפֿעסט פֿון 19־טען פֿעברואַר.

אין אַלע גובערניעס האָט מען צוגעשיקט גענעראַלען, פֿליגעל־אַדיוטאַנטען, אַלס כפּעציעלע בעאַמטע בײַ די גובערנאַטאָרען. אַזוי ווי ס'קענען פֿאָרקומען פֿאָלקס-אונרוהען בײַ דער בעפֿרײַאונג, זענען אָבגעגעבען געוואָרען דעם מיליטער פֿאָלגענדע בעפֿעהלען: 1) אַ פֿעראָרדנונג צו די מיליטער-בעאַמטע אָדער מיליטער-קאָמאַנדעס, וועלכע זענען בעשטימט געוואָרען אויף די עקזיקוציאָנס־טהעטיגקײַט אין די שטעדט, שטעדטלעך און דערפֿער פֿון די מערב-גובערניעס. 2) איין פֿעראָרדנונג צו די מיליטער־אָנפֿיהרער אויף דעם פֿאַל, אַז מען וועט דאַרפֿען געברויכען מיליטער-מאַכט אײַנצושטילען די פֿאָלקס-אויפֿרעגונג און אונרוהען. 3) די הויפּט-פֿערוואַלטער פֿון די מערב־גובערניעס

האָבען דאָס רעכט אָבצוגעבען צום קריעגס-גערי־כט יענע מענשען,
וועלכע זענען בעשולדיגט אין די אונרוהען, און תיכף מקים
זיין דעם אורטהייל. 4) אַ צייט-ווייליגער בעפעהל צו דער
אויסערגעוועהנליכע
צופאַלען בענוצען מיליטער-מאַכט צו דערשטיקען און איינ-
שטילען אונאָרדנונגען.

אין מאָסקווע זענען אַ גאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען פּאַט=
רולען פון פעכאָטע און רייטער מיט אָנגעלאָדענע ביקסען. דאָ
האָט מען אָנגענומען נאָך שטרייגערע פאָרזיכטס=מיטלען, ווי
אין פעטערבורג און דאָרטען האָט מען זיך אויך צוגעגרייט
גלייך ווי מען וואָלט ערוואַרטען אַן איבערפאַל פון אַ שרעקלי=
כען שונא. דער מיליטער גענעראַל=גובערנאַטאָר איגנאַטיעוו
האָט דעם 4=טען מערץ פּאַנאַנדערגעשיקט אין די פאָלקען
אינסטרוקציעס, אין וועלכע ער האָט גענוי בעשטימט וועלכע
פאָלקען זאָלען פאַנאַנדערגעשיקט ווערען אין די אָדער יענע
פאָליציי=אָבטהיילונג פון שטאָדט. די פאָלקען האָט מען בעפ=
פאָהלען, זיי זאָלען דעם גאַנצען טאָג פון 5=טען מערץ שטע=
הען צוגעגרייט אויף זייערע ערטער. די גאָראָדאָוויע זיינען
געווען בעוואַפענט מיט רעוואָלווערען.

נאָר קיין שום זאַך כאַראַקטעריזירט ניט אַזוי גוט די
שטימונג פון דער געעהרטער „גרויסער חברה בעאַמטע אין
ניט בעאַמטע גנבים און רוצחים", ווי דער פאַקט, אַז אין
5=טען מערץ, אין דער איינענער צייט ווען מען האָט אין די
קירכען געלעזען די פרעהליכע בשורה וועגען דער פויערען=
בעפרייאונג, האָט מען מיט גרויס אַכזריות „קערפערליך בע=
שטראָפט" איניגע הויז=וועכטער דערפאַר, וואָס זיי האָבען מיט
איניגע טעג פריהער אונפאָרזיכטיג גערעדט וועגען דער קינפ=
טיגער בעפרייאונגס=ערקלעהרונג ....

די שטימונג פון ווינטער פּאַלאַין איז ווי עס ווייזט אויס
אויך געווען זעהר אַ געשפּאַנטע. די פּערזאָנען, וועלכע האָבען
זיך פערזאַמעלט אין ווינטער פּאַלאַין אָבוואַרטען דעם קיסר,
האָבען פּלוצלונג דערהערט אַ קנאַק ווי עמיצער וואָלט אויס=
געשאָסען, דער גענעראַל=גובערנאַטאָר האָט באַלד געשיקט זע=
הען וואָס דאָרט איז. מען דערצעהלט איהם, אַז מ'האָט

אַראָבגעוואָרפֿען אַ קופּע שנעה פֿון דאַך. אין אַ ווײַלע אַרום דערהערט מען עפּעס קלינגען. דער פֿעלד־יעגער לויפֿט ווײַטער אָהן אַ אָטהעם געוואָר ווערען וואָס דאָס איז. ער דערצעהלט אַז דאָס קלינגט מען אין קירכע אויף אַ גלח'ס לויה.

טשערנישעווסקי'ס „בריעף אָהן אַ אַדרעס" און דאָבראָליובאָוו'ס אַרטיקלען בעווײַזען, אַז אַפילו די, וועלכע האָבען מעהר פֿון אַלעמען געקעמפֿט פֿאַר די ערנעהענטערונג פֿון דעם דאָזיגען בעפֿרײַאונגס־טאָג, האָבען איהם אויך בעגעגענט אָהן בעגײַסטערונג. נ. אָגאַרעוו האָט אַנאָמען געגעבען דעם מאַניפֿעסט פֿון 19־טען פֿעברואַר „אַ נײַער לײַב־אײגענשאַפֿט־געזעץ", און מ. ל. מיכאילאָוו האָט דאַמאַלס אַרויסגעלאָזען זײַן אויפֿרוף „צום יונגען דור". עס האָט זיך אָרגאַניזירט די געהײמע רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפֿט „ערד און פֿרײַהײַט (זעמליאַ אַ וואָליאַ).

דאָס פֿאָלק האָט אויך ניט אַנערקענט דעם מאַניפֿעסט פֿון 19־טען פֿעברואַר. גאַנץ רוסלאַנד האָט איהם בעגעגענט מיט אונרוהען און אויפֿרעגונג. דאָס פֿאָלק, וועלכער האָט אַזוי לײַדענשאַפֿטליך געוואַרט אויף די פֿרײַהײַט, האָט זיך פֿון איהר אָבגעזאָגט און געפֿאָדערט אַנ'אַנדער מאַניפֿעסט. אַלס אַנ'ענטפֿער אויף זײַנע פֿאָדערונגען האָט ער בעקומען קוילען, שטיקעס און ריטער. דער בעריכט וועגען דער טהעטיגקײַט פֿון מיניסטער פֿון אינערען, וועלכער האָט ווי ווײַט מעגליך פֿאַרדונקעלט די פֿאַקטען, בעווײַזט אונז אויך, אַז אין משך פֿון די צוויי יאָהר פֿון 19־טען פֿעברואַר 1861 ביז 1863־טען איז אין 29 גובערניעס פֿאָרגעקומען 1100 פּויערים־אויפֿשטאַנדען פֿון וועלכע אַ סך זענען דערשטיקט געוואָרען נאָר מיט דער מאַכט פֿון געוועהר. אין נראַף אַפּראַקסין'ס מאַיאָנטעק אין בעזדנאָ, קאַזאַנער גובערניע, זענען אויפֿגעשטאַנען 5000 פּויערים וועלכע האָבען ניט געוואָלט אַנערקענען די נײַע פֿרײַהײַט. זיי אײַנצושטילען האָט מען אַרויסגעשיקט מיליטער און דערבײַ זענען 55 פּויערים געה'רג'עט געוואָרען און 77 פֿערוואונדעט. אַנטאָן פּעטראָוו, וועלכען מען האָט חושד געווען, אַז ער איז דער אָנפֿיהרער פֿון די פּויערים, איז איבערגעגעבען געוואָרען צו קריעגס־געריכט און פֿער'משפּט געוואָרען צום טויט דורך

שִׁיסֶען. אִין פֶּענזער גוּבֶּערנִיֶע, אִין דאָרף טשעֶרנאָגאַי זֶענֶען 3 גֶע'הרג'עֶט גֶעוואָרֶען, 18 פֶערוואוּנדעֶט, אִין דאָרף קאַנדעֶעֶווקֶע 8 גֶע'הרג'עֶט, 27 פֶערוואוּנדעֶט, 26 פֶער'מִשפט צוּ שמַיַסעֶן מִיט „שפִּיצרוּטעֶן" אוּן זַיי נאָכהעֶר פֶערשִׁיקעֶן אוֹיף קאַטאָרגֶע; 78 פֶערשִׁיקט אִין סִיבִּיר, דִי אִיבּרִיגֶע האָט מעֶן פֶערזעֶצט אִין דִי טוּרמֶעס, בֶּעשטראָפט מִיט רִיטעֶר אוּן אַז. וו. אִין סטאַנִי־קֶעווִיטשֶעס מאַיאָנטעֶק וואָראָנעֶזשֶער גוּב. זֶענֶען 40 פּוֹיעֶרִים דעֶר'הרג'עֶט גֶעוואָרֶען.

אַזוֹי האָט דאָס פאָלק בֶּעגֶעגֶענט דִי „גֶעשֶׁענקטֶע" פְרַיי־הַייט אוּן אַזוֹי טהַייעֶר האָט זִי אִיהם גֶעקאָסט.

---

## II.

מִיט וואָס שוֹיעֶ האָט אַזוֹי פֶערזִינדִיגט דִי „נַייעֶ פְרַייהַייט", אַז זִי האָט גֶעצוואוּנגעֶן דאָס פאָלק זִיךְ אָבצוּזאָגֶען פוּן אִיהר מִיט אַזאַ עקשנות.

ווען אוּנזֶער גְרוֹיסֶער כאַטִירִיק (שטשעֶדרִין) זאָגט, אַז דִי גאַנצֶע מִיה פוּן דִי „בּעֶפּ־יַיעֶר" אִיז גֶעוועֶן אָנגעֶוועֶנדעֶט אוֹיף דעֶרוֹיף „אַז דעֶר פּוֹיעֶר זאָל פִיהלעֶן וואָס מעֶהר דאַנקבּאַרקַייט אוּן דעֶר פְּרִיץ וואָס ווֶענִיגֶער הֶיזק" קעֶן מעֶן מַיינעֶן, אַז דאָס אִיז אַבִּיסֶעל פֶערגְרֶעבֶערט. בּאֱמת אָבֶּער זֶענֶען דאָ נאָר אִיבֶּערגֶע'חזרט אוֹיף אַנ'אַנדעֶר לשון דִי רֶעגֶעלֶען, בּיַי וועֶלכֶע דעֶר הוֹיפּט־קאָמִיטֶעט האָט זִיךְ, לוֹיט דעֶר פֶעראָרדנוּנג גֶעדאַרפט האַלטֶען.

„בַּיי דעֶר בֶּעטראַכטוּנג אוּן אוֹיךְ בַּיי דעֶר פֶערעֶפֶענטלִיכוּנג פוּן דִי אַלֶע גֶעזֶעצגֶעבֶּענדֶע אַקטֶען, וועֶלכֶע זֶענֶען נוֹגע צוּ דִיזֶעם ענין, זאָל מעֶן דוּרכאוֹיס אָבּהִיטֶען דִי דְרַיי בֶּעדִינגוּנגֶען:

1) גלַייךְ נאָךְ דעֶם מאַנִיפֶעסט, זאָל דעֶר פּוֹיעֶר דעֶרפִיהלֶען, אַז זַיין לאַגֶע האָט זִיךְ פֶערבֶּעסֶערט;

2) דעֶר פְּרִיץ זאָל זִיךְ גלַייךְ בֶּערוּהִיגֶען אוֹיף דעֶר אִיבֶּערצַייגוּנג, אַז זַיינֶע אִינטֶערֶעסֶען זֶענֶען בֶּעשִׁיצט;

3) די ארטיגע אדמיניסטראציע זאל אויף א מינוט ניט פערלירען איהר ענטשלאסענהייט".

דיזער קונציג-אויסגעשפיצטער און רמאות-דיגער פראגראם איז גלענצענד דורכגעפיהרט געווארען. מיר זעהען דאס גאנץ קלאר אויך פון די לאנגע וכוחים מכח די פראגע, צי האט זיך די מאטעריעלע לאגע פון די פויערים פערבעסערט נאך דעם, ווי דאס לייב-אייגענטהום איז אבגעשאפט געווארען אדער ניט?

א לאנגע צייט האט זיך ביי אונז געהאלטען א מיינונג טהיילווייז עקזיסטירט זי נאך יעצט אויך, לויט וועלכער די פויערען-בעפרייאונג פון דער לייב-אייגענשאפט אין רוסלאנד איז פארגעקומען אויף אנדערע יסודות, ווי אין מערב-אייראפא, דען אחוץ פערזענליכע פרייהייט האט אונזער געוועזענער שקלאף בלומרשט בעקומען ערד אויך.

נאר דאס איז איינע פון יענע פאלשע מיינונגען, וועלכע מיר בעגעגענען זעהר אפט ביי די פערטהיידיגער פון „ספעציעל רוסישע איינגענשאפטען", יענע פערגעסען אז אויב וואסער עס איז היסטארישער פראצעס ענטוויקעלט זיך „אייגענארטיג" הייסט דאס נאך ניט, אז דער אדער יענער פאלק בעזיצט ספעציעלע „אייגענשאפטען". פערקעהרט, די „אייגענארטיגקייט" גופא ווייזט אן, אז די גרונד-פארמען און טענדענצען פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג זענען אלגעמיינע.

ביי דער פערזענליכער בעפרייאונג פון פויער אין מערב-אייראפא האט מען אויך ניט אלע מאל און ניט אומעדום אבגענומען פון איהם די ערד. דער עקספראפריאציאנס-פראצעס האט אפטמאל געדויערט ניט ווענינער אידער דער בעפרייאונגס-פראצעס. למשל אין ענגלאנד האט דער בעפרייאונגס-פראצעס געדויערט ביז צו דער צווייטער העלפט פון XVII-טען יאהרהונדערט און דער עקספראפריאציאנס-פראצעס האט זיך ערשט געענדיגט אין XIX-טען יאהרהונדערט. אין פראנקרייך האט דער בעפרייאונגס-פראצעס, וועלכער האט זיך אנגעהויבען אין XIV-טען יאהרהונדערט, געענדיגט ערשט אין יאהר 1789. די פראבע ארויפצולייגען אויף די פויערים אויסקויפס-אבצאהלונגען פאר די ערד, וואס מען האט זיי איבערגעלאזען, איז ניט געריננען. דער דעקרעט פון קאנווענט אין

17 יולי 1793 האָט בעפֿרייט די פּויערשע ערד פֿון אַלע היובים און נאַלאָגען, וועלכע זענען ביז אַהער אויף זיי געלעגען. די מעלות, וואָס מאַרקס געפֿינט אין דער פֿראַנצויזישער רעוואָליוציאָנס-מעטאָדע, האָבען זיך אויך אַ־ויסגעוויזען ביי דער פּויערען-בעפֿרייאונג.

אין דייטשלאַנד, וואו דער בעפֿרייאונגס־פּראָצעס האָט זיך אָפּיציעל אָנגעהויבען אין יאָהר 1811, האָט ער זיך אויך פֿערצויגען אויף עטליכע צענדליג יאָהר און האָטש די מערץ־רעוואָלוציאָן האָט איהם געגעבען אַ שטאַרקען שטויס פֿאָרוועֶרטס, האָט דאָך דער בעוואוסטער היסטאָריקער פֿון די דייטשע פּויערים קנאַפּ אַפּילו אין יאָהר 1890 נאָך ניט געקענט מיט בעשטימטהייט זאָגען, צו די בעציהונגען צווישען די פּויערים און גוטס־בעזיצער אין איניגע טהיילען פֿון פּריסען זענען שוין גענצליך רעגולירט. פּשוט גערעדט הייסט דאָס, צי איז שוין דאָס אייגענטהום־רעכט פֿאָלשטענדיג אָבגעשאַפֿט. פֿון דער ערד, וועלכע דער דייטשער פּויער האָט געהאַט אין זיין רשות, איז איהם געבליבען קוים אַ העלפֿט און אויך דערפֿאַר האָט ער געדאַרפֿט אויסצאָהלען ניט איין הונדערט מיליאָן מאַרק. דער „סלעזישער מיליאַרד" איז געוועזען ניט דער איינציגער. אַזעלכע מיליאַרדען האָט מען געקענט געפֿינען אין אַנדערע טהיילען פּריסען. די פּריסישע יונקערס האָבען זיך פֿעסט געהאַלטען פֿאַר די פּויערשע ערד.

די בעפֿרייאונג פֿון רוסישען פּויער איז אויך ניט פֿאָר־געקומען אין איין טאָג. מילא פֿון דעם איז דאָך שוין נאָר ניט דאָ וואָס צו רעדען, אַז דאָס לייב־אייגענטהום־רעכט האָט מיט זיין גאַנצער קראַפֿט נאָך עקזיסטירט אין דעם משך פֿון דעם גאַנצען פעריאָד, ווען מען האָט אויסגעאַרבייט די גראַ־מאָטעס. ד. ה. די אָבמאַכען, וועלכע בעשטימען די רעכטען פֿון פּויער אויף די ערד און די לאַסטען, וואָס זיי וועלען זיין מחויב צו טראָגען אַ געוויסע צייט.

און פֿאָרגעקומען איז ביי אונז די בעפֿרייאונג אויך אויף די זעלבע בעדינגונגען ווי אין מערב־אייראָפּאַ. פּונקט ווי אין פּריסען, האָבען אויך ביי אונז די פּויערים זיך געקענט אויס־קויפֿען נאָר לויט די פֿאָדערונגען אָדער לויט דער הסכמה פֿון

די ערד-בעזיצער, וועלכע האָבען, פֿערשטעהט זיך מסכים געוועזען נאָר דאַמאָלסט, ווען דאָס האָט זיי געלוינט. כל זמן די פּויערים האָבען זיך ניט אויסגעקויפֿט, זענען זיי געבליבען אין דער לאַגע פֿון „צייַטווייַליג פֿערפּפֿליכטעטע" עס איז פֿאַר-איבער ניט וועניגער פֿון צוואַנציג יאָהר ביז די „בעפֿרייַטער" האָבען, אונטער דעם דרוק פֿון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פֿון די זיבעציגסטע יאָהרען, געמאַכט אַ סוף פֿון די „צייַטווייַליגע פֿערפּפֿליכטונגען" דערמיט, וואָס דאָס אויסקויפֿען זיך איז געוואָרען אַ פּפֿליכט, אַ מוז. און אַפֿילו הייַנט איז נאָך אין אַ סך ווינקלען פֿון אונזער ברייטען פֿאָטערלאַנד ניט אין גאַנצען פֿערניכטעט געוואָרען דאָס לייַב-אייגענטהום-רעכט משונה'דיג איז נאָך אַלעס דעם צו הערען פֿון אַזאַ גרויסען געלעהרטען ווי פּ. מיליוקאָוו, פֿאָלגענדע דבורים:

„כדי צו צערשטערען די פֿעסטונג פֿון דעם מיטעל-אַלטערליכען לייַב-אייגענטהום (אין מערב-אייראָפּאַ) האָט מען בעדאַרפֿט גאַנצע הונדערטער יאָהרען, וועהרענד בייַ אונז איז גענוג געוועזען איין מאַך מיט דער פֿעדער מען זאָל צערשטערען די גאַנצע פֿערפֿוילטע געבייַדע פֿון דער פּריצישער הערשונג".

נאָך משונה'דיגער קלינגען אַזעלכע ווערטער, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז אַפֿילו יעצט עקזיסטירען נאָך פֿיעל רעשטען פֿון די לייַב-אייגענטהום-בעציהונגען, די אויסקויפֿ'ס אָבצאָהלען די „שטייַער, וועלכע איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרען אויף די געזעלשאַפֿטליכע ענטוויקלונג, אָבצאָהלונגען, וועלכע פֿערניטינען מיט פּראָצענט אַלע פֿריהערדיגע הכנסות און דורך וועלכע עטליכע צעהנדליג טויזענדער פּיאַווקעס זענען פֿערביטען געוואָרען אויף איין אונגעהויערען וואַמפּיר, וואָס זייגט אויס דעם לעצטען טראָפּען בלוט פֿון די פֿעראָרעמטע און פֿעראומגליקטע פּויערים.

אונזערע היסטאָריקער פֿערשטעהען נאָך עד היום ניט, אָדער ווילען ניט פֿערשטעהן, אַז דער מאַניפֿעסט פֿון 19-טען פֿעברואַר איז געוועזען אַן עקספּראָפּריאַציאָנס-אַקט פֿון די פּויערישע פֿערמעגענס. די פּויערים האָט מען ניט געגעבען, נאָר מען האָט פֿון זיי אָבגענומען. „מיר זענען אייערע, די ערד אָבער איז אונזערע". אַזוי האָבען די פּויערים פֿאָרמולירט זייַ-

ערע בעציהונגען צו די פריצים. דאס איז די פויערשע טהעאריע וועגען לייב-אייגענטהום און פריצישען ערד-בעזיץ. אַגאַנץ אַנדער „טהעאָריע" האָט אַרויסגעשטעלט דער אַדעל. דיזע טהעאריע איז פאַרמולירט אין ניקאָלאַי דעם 1-טענס רעדע, מיט וועלכער דיזער „ערשטער אַדעלינגער" האָט זיך געווענדעט צו זיינע חברים אַדעלינגע: „יעצט וועל איך מיט אייך רעדען ניט ווי אַ קייזער, נאָר אַלס ערשטער אַדעלינער פון אימפעריע. די ערד געהערט אונז רעכטליך, ווייל מיר האָבען זי ערוואָרבען מיט אונזער בלוט, וועלכע מיר האָבען פערגאָסען פאַר די מלוכה, אָבער דאָס קען איך ניט פערשטעהן, ווי אַזוי אַ מענש איז געוואָרען אַ געגענשטאַנד. איך מיין, אַז דאָס איז פאָרגעקומען נאָר דורך רמאות און בעטרוג פון איין זייט און אונוויסענהייט פון דער אַנדער זייט". אויף פראַסט לשון הייסט דאָס: די ערד איז אונזערע, די פויערים זענען ניט אונזערע. פערשטעהט זיך אַז אין דיזער „טהעאָריע" ליגט מעהר יושר, ווי אין יענער וועלכע זאָגט: די ערד איז אונזערע און דו ביזט אויך אונזערער. אָט אין דעם יושר ליעגט דער גאַנצער „פראָגרעס", וועלכער ברענגט אַריין אין אַ גרויסע התפעלות די בורזשואַזע היסטאָריקער.

די וויסענשאַפטליכע היסטאָרישע אויספאָרשונגען אין די לעצטע יאָהרען האָבען בעוויזען, אַז די פויערשע „טהעאָריע" איז אַסך ריכטיגער ווי די פריצישע. איידער די ערד איז אַריבער צו די אַדעלינגע, האָט זי פריהער געהערט צו פרייע פויערים. וואָס גרעכער ס'איז געוואָרען די ראָליע, וועלכע די לאַנדווירטשאַפט האָט אָנגעהייבען צו שפּילען אין דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס-פּראָצעס, אַלץ מעהר האָט זיך ענטוויקעלט די געזעלשאַפטליכע אַרבייטס-צערטהיילונג און אַלס שאַרפער האָבען זיך דיפערענצירט די פונקציעס פון די פּראָדוצענטען און די בעשיטצער, די „שומרים". דער פרייער פויער גיט אָב אַ טהייל פון זיינע פּראָדוקטען צי מיט נאַטור צי מיט אַרבייט, אויף אויסצוהאַלטען דיזע „בעשיטצער". אָבער געאַרבייט האָבען די פויערים אויף זייער אייגענע ערד, וועלכע האָט געהערט צו דער געמיינדע. מיט דער צייט ווערען דיזע פפליכטען פאָרמולירט אין אַ געזעץ „איבעראַל"—

זאָגט מאַרקס: „איז די אַרבייט פאַר די פּריצים זעלטען ווען א פראָדוקט פון לייבאייגענטהום, נאָר, פערקעהרט, מעהרס־טענטהיילס האָט זיך דאָס לייבאייגענטהום ענטוויקעלט פון דער אַרבייט פאַר די פּריצים".

„מיר זענען אייערע, די ערד אָבער איז אונזערע". נאָר דער אַנדערער צד פערשטעהט דיזע בעציהונגען נאָר עפּעס אַנדערס. צוזאַמען מיט דעם ווי עס ענטוויקעלט זיך די געלד־ווירטשאַפט, צוזאַמען מיט דעם ווי די ערד הויבט אָן צו בעקומען א ווערטה, ווערען די פריהערדיגע בעלי־בתים, וועלכע האָבען שוין אַרייַנגעכאַפּט אין זייערע הענד די ערד, גוטסבעזיצער. אויב פריהער האָט זיי „על פּי דין" געהערט נאָר די פערזענ־ליכע בעדינונגען פון די פרייַע פויערים, דינגען זיי איצט די פויערים־אָבצאָהלונגען פאַר אַ בעווייַז, אַז די ערד געהערט אויך צו זיי, ווארום אויב ניט־טאָ פאַר וואָס וואָלטען די פויערים מחויב געווען זיי צו טראָגען פערשיעדענע אָבצאָהלונגען? „די אַרבייַט פון די פרייַע ערד־בעזיצער אויף זייערע אייגענע ערד, וועלכע איז דאַמאָלסט בייַ זיי געוועזען געמיינדע־אייגענטהום, ווערט איצט אַ מין לייַב־אייגענטהום־אַרבייַט פאַר אָט די מענשען, וועלכע האָבען בייַ זיי אָבגענומען זייער געמיינשאַפטליכען אייגענטהום". (ק. מאַרקס). מיט דער הילף פון פערדרעהטע פרושים און פשט'לעך ווערט די גאַנצע געמיינדע־ערד, וועלכע איז געוועזען א אונאָבטייַלבאַרער אייגענטהום פון אַלע געמיינדע־מיטגליעדער ווי לאָנקעס, וועלדער, וואַסערען, און אַז. וו. אַנ'אייגענטהום פון דעם גוטסבעזיצער, דעם פעאָדאַל. און דאָס, וואָס דער פויער בענוצט זיך אומזיסט מיט די אַלע זאַכען, דינט נאָר פאַר אַ בעווייַז פון די גרויסע „חסדים", וואָס דער פריץ טהוט מיט זייַנע פויערים.

אַזאַ מין פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין די בעציהונגען צווישען די רוסישע פויערים און די גוטסבעזיצער. די פּריצים האָבען אין משך פון גאַנצען פעריאָד, וואָס דאָס לייַבאייגענ־טהום, האָט עקזיסטירט, ניט געגעבען די פויערים קיין ערד, נאָר פערקעהרט אָבגענומען בייַ זיי. וואָס ווייַטער האָט מען אַלץ מעהרער בעגרענעצט דאָס רעכט פון די פויערים צו בענוצען זיך מיט די „פריצישע" וועלדער, האָט מען אַלץ אָפטער פער-

גרעסערט די פּריצישע פֿעלדער אויף דעם פּויערס חשבון אָבגעהמענדיג פֿון איהם זיין ערד שטיקלעכווייז. ניט קוקענדיג אויף די פּראָטעסטען פֿון די פּויערים איז זייער ערד אַלץ מעהרער איבערגעגאַנגען אין די הענד פֿון די פּריצים און דער מלוכה. דער מאַניפֿעסט פֿון 19-טען פֿעברואַר האָט זיך גאָר אינטערנע'התמ'עט אונטער די פּריצישע רעכטען אויף די ערד, וועלכע האָט קיין מאָהל צו זיי ניט געהערט. דער מאַניפֿעסט האָט געזעצליך צוגענומען ביי די פּויערים דאָס רעכט זיך צו בענוצען מיט די וועלדער און מיט אַלע געמיינדע זאַכען, וועלכע די פּריצים האָבען ניט דערקאַזעט אָבצונעהמען אין דעם משך פֿון לייבאייגענטהום-פּעריאָד. אַז דער מאַניפֿעסט נעמט אָב פֿון די פּויערים שטיקער ערד, דאָס האָבען געמוזט מודה זיין אַפּילו די רעדאַקציאָנס-קאָמיסיע. בעשטימענדיג פֿאַר די פּויערים קלענערע חלקים ערד, האָבען זיי פֿאַלש ערקלערט, אַז אין די „גרויסרוסלענדישע גובערניעס האָט מען זעלטען אָבגענומען ביי'ם פּויער זיינע ערד; דאָס זענען געוועזען נאָר אויסנאַהמס-פֿאַהלען". נאָר דאָ גלייך זענען זיי זיך אַליין סותר: זיי זאָגען ווייטער, אַז מעהרסטענטהיילס האָט מען ניט אין גאַנצען פֿערניכטעט די פּויערשע חלקים, מען האָט ביי זיי נאָר אָבגעשניטען שטיקלעך ערד, כדי די פּריצים זאָלען האָבען פֿעלדער. אין דעם זין קען מען זאָגען אַז דער מאַניפֿעסט פֿון דעם 19-טען פֿעברואַר האָט פֿערענדיגט די גרויסע כירורגישע אָפּעראַציע, וועלכע האָט געדויערט הונדערטער יאָהרען לאַנג מיט איין גרויסען „שניט", און צו דער גאַנצער מאַססע פּערשיעדענע „שטיקלעך" ערד, וואָס מען האָט אָבגענומען ביז 1861 יאָהר, ד. ה. ביז די פּויערים-בעפֿרייאונג, האָט מען איצט ביי דעם אַקט פֿון 19-טען פֿעברואַר צוגעלייגט די בעריהמטע „אָטריעזקי" (שטיקלעך ערד).

אונזערע פּריצים—ניט די „לייבאייגענטהימער" נאָר די געבילדעטע ליבעראַלען—האָבען אָנגעווענדעט זייערע אַלע כחות אום זיך צו דערשלאָגען, אַז דער געזעץ זאָל אַנערקענען דאָס די גאַנצע ערד, מיט וועלכע עס בענוצען זיך די פּויערים, געהערט צו זיי, דאָס זיי זענען פּשוט די גרעסטע בעל-רחמים'ס, ווען זיי שענקען די פּויערים שטיקלעך פֿון זייער אייגענע ערד פֿאַר אַזאַ

רויבעריִשען אויסקויפֿס-אָבצאָהלונג. דער זאָגענאַנטער „פּריִציִשער אָפּפֿער" איז נאָר געווען אַ קרבן פֿון די פּויעריִם פֿאַר די אינטערעסען פֿון די אַלרוסיִשע אַדעליִגע. אויף דעם מזבח פֿון פֿאָטערלאַנד, האָבען זיי איצט, ווי אַלע מאָל, מקריב געווען דעם פּויערס שטיקעל פֿערמעגען.

און נאָר אַזאַ פֿאָרשער ווי פּ. סטרוווע, וועלכער בעשטעטיִגט, צוזאַמען מיט די פֿערטהיידיגער פֿון אונזערע גרויסע ערדבעזיצער „אַז די פּויעריִם זענען קיינמאָל ניט געזעסען אויף זייער איינענע ערד", נאָר ער קען אידעאַליזירען די ראָלע פֿון דעם אַדעל אין דער עפּאָכע פֿון דער פּויעריִם-בעפֿרייאונג.

פֿאַר דער בעפֿרייאונג האָבען די פּריִציִם „פֿערמעגט" 105 מיליאָן דעסיאַטין ערד. אָבטרעטענדיג אַ טהייל פֿון דיזער ערד, האָבען די פּריִציִם גרויסמוטהיג אָבגעגעבען דאָס, וואָס צו זיי האָט ניט געהערט. פֿון די ערנסטע רעאַקציאָנערען ביז די רויטע ליבעראַלען האָט דער אַדעל אָנגעווענדעט אַלע כּחות עס זאָל איהם בלייבען ניט נאָר די פֿריהערדיגע אַקער-פֿעלדער, נאָר אויך — ווי איך האָב פֿריהער געזאָגט — אָבצושניידען וואָס מעהר ערד פֿון יענע, אויף וועלכע די פּויעריִם האָבען געווירטשאַפֿט אין דער צייט פֿון לייב-אייגענטהום. אַלע וכּוחים וועלכע זענען פֿאָרגעקומען צווישען די גובערנסקי-קאָמיטעטען און די רעדאַקציאָנס-קאָמיסיעס, זענען נאָר בעשטאַנען אין דעם, וויפֿיעל מען קען אָבשניידען פֿון דער פּויערשער ערד, אום מען זאָל דערביי ניט ריזיקירען אַרויסצורופֿען אַן אַלגעמיינעם פֿאָלקס-אויפֿשטאַנד. די מלחמה, וועלכע פֿערשיעדענע היסטאָריקער שטעלען פֿאָר אַלס אַ מלחמה צווישען לייב-אייגענטהימער און ליבעראַלען, איז באמת נאָר אַ מלחמה צווישען די בלוטגיעריגע וועלף מיט די מעסיגערע און רמאות-דיגע פֿוקסען.

אויף וויפֿיעל מען האָט בעראַבעוועט די פּויעריִם דעם 19-טען פֿעברואַר איז שווער אָבצושאַצען. די בעדינגונגען, אויף וועלכע עס איז פֿאָרגעקומען די פּויעריִם-בעפֿרייאונג זענען געווען פֿערשיעדען; נאָר ווי פֿערשיעדען זיי זענען ניט געווען, האָבען זיי אַלע פֿערפֿאָלגט איין ציעל: בעראַבעווען דעם פּויער אויף דעם אָדער יענעם אופֿן.

פון די פאקטען, וועלכע מיר געפינען ביי מיליוקאווען זעהען מיר, אז די פריצישע קאמיטעטען האבען געוואלט אבשניידען העלפט פון דער פריהערדיגער פויערשע ערד, נאר זיי איז אויסגעקומען זיך צו בענוגענען אין כך הכל מיט א פינפט-חלק. עס וועט אויך ניט זיין קיין טעות, אויב מיר וועלען ארויסזאגען דעם כלל: וואס מעהר מען האט אבגעשניטען פון דער פויערשער ערד בעפאר דער בעפרייאונג, אלס ווענינער האט מען אבגענומען ביי דער בעפרייאונג גופא.

דער מאניפעסט פון 19-טען פעברואר איז געוועזען, ניט קוקענדיג אויף די ליבעראלע בעל-דרשנ'ס. פון דער „עפאכע פון גרויסע רעפארמען", א גרויסער עקספראפריאציאנס-אקט, וועלכער האט מיט אמאל צוגענומען די פויערשע ערד פאר די פריצים. ער איז געוועזען דער לעצטער אקט פון אלע גזלות, וועלכע האבען געדויערט הונדערטער יאהרען לאנג. פון איצט הויבט זיך אן אנ'עפאכע פון „פריעדליכע" עקספראפריאציע.

איהר העכסט אונפערשעמטע פארם האט די „גרויסע" עקספראפריאציע ארויסגעוויזען אין די „געשענקטע" אדער „בעטלערשע" חלקים. די פויערים, וועלכע זענען מרוצה געווארען צו נעמען א פיערטעל פון די בעשטימטע חלקים, זענען מיט דעם אליין שוין געווארען פריי פון פערשיעדענע חובות נעגען די פריצים. און ניט איין הונדערט טויזענד פויערים (אנ'ערך פון א מיליאן) האבען זיך אנגעכאפט אן דעם מיטעל צו מאכען א סוף איין מאל פאר אלע מאל פון זייערע בעציהונגען צו די „גוטהערציגע" פריצים.

מיליאנען פויערים, די זאגענאנטע „הויפישע" זענען אבגעלאזען געווארען אויף דער „פריי" ווי זיי שטעהען און נעהען. אזוי אונפערשעמט איז מען זיך אויך בעגאנגען מיט די פויערשע בערג-ארבייטער, זיי האט מען גאר קיין ערד ניט געגעבען.

אט דאס האבען די רוסישע פויערים בעקומען אין דעם גרויסארטיגען טאג דעם 19-טען פעברואר 1861-טען יאהר.

## III.

נאָר אויב מיר וואָלטען אפילו צוזאַמען מיט פּ. סטרוּווע, מסכים געווען דערמיט אַז סײַ די פּויערים פון קליין-רוסלאַנד, סײַ די פּויערים פון גרויס-רוסלאַנד, זענען אַליין ניט געוועזען קיין ערדאייגענטהימער, אַז זיי האָבען נאָר בעאַרבײַט פרעמדע ערד פּריצישע אָדער גרויספירסטליכע איז אפילו אין דעם פאַל דאַרף מען אויך זײַן ניט קיין קלײנער צבוע׳ק, אום מען זאָל נאָך קענען ריידען וועגען די מאַטעריעלע קרבנות פון די פּריצים. צו קען מען דען אָנרופען אַ „קרבן", ווען מען פערקויפט דאָס אייגענטהום פאַר אַ פּרייז, וואָס איז צוויי-דרײַ מאָל גרעסער ווי דער אמת׳ער ווערטה!

און אַזאַ מין „קרבן" איז געוואָרען די בערימטע אויס-קויפס-אָפּעראַציע. דער פּויער האָט נאָר דאַמאָלסט געקענט אויס-קויפען, ווען דער פּריץ האָט מסכים געוועזען, פערקעהרט, דער פּריץ האָט געקענט פאָדערען אַן אויסקויף אפילו דאַן, ווען דער פּויער האָט ניט געוואָלט, דאָס הייסט דאַן ווען עס האָט נאָר געלוינט פאַר די פּריצים. יעצט ווען מיר געבען דאָס וואָרט פּ. מיליוקאָוו׳ן. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז איבערצײַגט, אַז בײַ אונז איז דאָס לײַבאייגענטהום פערניכ-טעט געוואָרען מיט „איין מאַך מיט דער פעדער", אַז די רוסי-שע מלוכה איז ניט געוועזען ווי אַנדערע לענדער אַ רעזולטאַט פון קלאַסען-דיפערענצירונג (צוטהיילונג), נאָר פערקעהרט, אַז זי אַליין האָט בעשאַפען די קלאַסען, דאָך פיהלט ער אויך דעם גאַנצען קלאַסען-כאַראַקטער פון דער אויסקויפ׳ס-אָפּעראַציע.

„ווי נאָר ס׳איז בעזײַטיגט געוואָרען די אידעע פון פער-פּפליכטונג האָט שוין פאַר די פּריצים געקענט זעהר לוינען צו פערקויפען די פּויערים ערד. ס׳האָט זיך נאָר געווענדעט פון די פערקויפס-בעדינגונגען. דעם פּריץ האָט געקענט לוינען אָבטרעטען דעם פּויער אַזאַ קליין שטיקעל ערד, וועלכע האָט איהם ניט געגעבען די מעגליכקײַט צו פערדינען אויף זײַן לעבענס-מיטעל און אויף שטײַערן. אין צפון-רוסלאַנד, וואו די ערד איז ניט קיין פרוכטבאַרע, איז דעם פּריץ נאָך גרינגער געוועזען זיך צו שײַדען מיט די ערד. אין דיזע גובערניעס

האבען זיי פֿריהער אויך דאָס רוב זיך ניט בעשעפֿטיגט מיט ווירטשאַפֿט. זיי האָבען אַפֿילו ניט געוואָהנט אין די דערפֿער, און פֿלעגען בעקומען פֿון די „פֿערפֿפֿליכטעטע" פויערים געוויסע אָבצאָהלונגען מיט געלד. ביים פֿאַנאַנדערפֿלאָנטערען די בעציהונגען צווישען די פריצים און פויערים, האבען זיך בעגעגענט אנדערע שוועריגקייטען. דער פריץ האָט טאַקע ניט בעדאַרפֿט די ערד, ווייל מען האָט פֿון איהר בעקומען זעהר א קליינעם ריוח, אָבער פֿאַר די פויערים האָט אויך ניט געבטײַעט די הכנסה פֿון דער ערד אויף צו בעצאָהלען פֿערשיעדענע פֿאַראַטקעס די פריצים. זיי האַבען דאָס געמוזט פֿערדיענען דורך זייטיגע אַרבייט, וועלכע האָט אין דיזען געגענד שוין פֿון לאַנג אָן געדינט דעם פויער פֿאַר א שטיצע. אויף אַזאַ אופֿן איז דער פריץ וואָלט אָבגעגעבען די ערד פֿאַר דעם ווירקליכען פרייז וואָלט ער דאַביי פֿערלאָרען די הכנסה, וואָס ער האָט געהאַט פֿון די פויערשע אָבצאָהלונגען. דער פריץ האָט זיך דעריבער געמוזט ווי עס איז דערשלאָגען מען זאָל איהם בעצאַהלען ניט נאָר פֿאַר די ערד גופֿא, נאָר אויך פֿאַר דאָס רעכט זיך צו בענוצען מיט די זייטיגע פֿערדינסטען פֿון פויער. אין דעם פֿאַל האָט דער פריץ פשוט געוואָלט בעקומען אויסקויפֿגעלד פֿאַר די פֿערזעהנליכע בעפֿרייאונג פֿון פויער".

די לעצטע אויפֿגאַבע איז גלענצענד דורכגעפֿיהרט געוואָרען. ביז 1859-טען יאָהר האָט די „רעגירענדע חברה" זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט אָבזאָגען פֿון דעם געדאַנקען, צוצונעהמען ביי דעם פויער די גאַנצע ערד. נאָר כדי די „לייב-איינענטהימער" זאָלען מרוצה ווערען צו ברייינגען דעם נויטווענדיגען מאַטעריעלען „קרבן", האָט מען בעדאַרפֿט דורכפֿיהרען די אויסקויפֿס-אָפּעראַציע אויף אַזאַ אופֿן, אַז זי זאָל בעצאָהלען דעם איינענטהימער נאָך מיט ריוח אי פֿאַר דעם פויער אַליין אי פֿאַר דעם פויערס חלק ערד, וועלכען ער, דער איינענטהימער האָט איהם געשאָנקען. אין די אויסקויפֿס-סומע האָט געדאַרפֿט אַריינגעהן ניט נאָר דער ווערטה פֿון דער ערד, נאָר אויך דער ווערטה פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַרבייטס-קראַפֿט. דער אמת'ער פרייז פֿון דער ערד איז פֿערגרעסערט געוואָרען אויף צוויי-דריי מאָל. איצט האָט מען נאָר בעדאַרפֿט

אויסב־אַבטען אַזאַ מיטעל, וועלכער זאָל צווינגען די פּויערים אַז זײ זאָלען מיט'ן גוטען ווילען מרוצה ווערען אויף אַזאַ שלעכטען מסחר. לאַנג האָבען זיך די ליבעראַלע בעלי־טובות, אַלע היטציגע פערטהײדיגער פון דער אויסקויפס־אידעע, געבראָכען די מוחות, ביז זײ האָבען געפונען אַנ'עצה. זײ האָבען אויסגעטראַכט אַ פּלאַן, אַז דער וואָלף זאָל זײַן זאַט און דאָס שעפּעלע פאָרט גאַנץ.

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מין פּלאַן? ווי עס איז בעוואוסט האָט דער מאַניפעסט בעשטעטיגט צווײ נאָרמען פון די ערד־חלקים אויף יעדער קאָפּף: אײנע איז געוועזען אַ הויכע נאָרמע, די אַנדערע אַ נידעריגע: די נידעריגע האָט אָנגעטראָפען אַ דריטעל פון דער הויכער. דאָרט אָבער וואו די פּויערים האָבען געהאַט פון פריהער גרעסערע חלקים, האָט מען דיזע חלקים איצט פערקלענערט. אין די גרויסע מאַיאָנטקעס, ד. ה. אין די מאַיאָנטקעס פון די אײנפלוסרײַכע פּריצים, וועלכע האָבען געהאַט דעם גרעסטען טהײל לײַב־אײגענע, האָבען די פּויערים בעקומען חלקים כמעט לויט דער נידעריגער נאָרמע.

פאַר דעם געגעבענעם חלק ערד האָט מען בעשטימט אַ פּאַסענדע אָבצאָהלונג. פאַר די גרויסע חלקים איז בעשטימט געוואָרען אַ גרויסער קאָפּף־שטײַער. אַזוי למשל, אין אַ דאָרף, וועלכער האָט זיך געפונען ניט ווײַטער ווי פינף און צוואַנציג ווערסט פון פּעטערבורג, איז געוואָרען בעשטימט 12 רובל, פאַר די איבריגע ווי מאָסקווער, יאַראָסלאַווער און אַנדערע גובערניעס 10 רובל. נאָר ווי האָט מען אויסגערעכענט דעם שטײַער לויט דעם צאָהל דעסיאַטין אין יענעם פאַל, ווען די חלקים זענען געוועזען קלענער אין פערגלײַך מיט דער גרויסער נאָרמע? אפשר פּראָפּאָרציאָנעל מיט דעם חלק ערד? נײַן, דאָס וואָלט שוין געוועזען צו פּשוט. די רעכנונג האָט מען געמאַכט גאַנץ אַנדערס: אין דעם ערשטען פאַל, וואו די ערד איז ניט קײַן שוואַרצע, האָט זיך פאַר דער ערסטער דעסיאַטינע גערעכענט, אויב דער שטײַער האָט אָנגעטראָפען 12-רובל, גאַנצע 6 רובל, ד. ה. אַ העלפט פון גאַנצען שטײַער. פאַר די צווײטע דעסיאַטינע האָט מען גערעכענט 3 רובל, ד. ה.

אַ פיִערטעל. די לעצטע פיִערטעל שטייער איז צוטהיילט געוואָרען אויף די איבריגע דעסיאטינעס ערד. דאָס הייסט, אַז אויף די ערשטע 2 דעסיאטינעס איז געפאַלען 3/4 פון גאַנצען אויסקויפס-געלד, פערשטעהט זיך, אַז דיעזער חשבון איז געווען אויסגעטראַכט נאָר צוליב דעם, כדי די פויערים פון דעם געגענד, וואו די ערד איז ניט קיין פרוכטבאַרע, וואו זיי האַבען די שטייער געצווינגען ניט פון דער ערד, נאָר פון אַנדערע בעשעפטיגונגען, זאָלען זיך ניט אָבזאָגען פון דער ערד, דען אויב ער האָט נאָר גענומען איין דעסיאטין האָט איהם דאָך שוין ניט געלוינט זיך אָבצוזאָגען פון דער רעשט: שווער איז נאָר געווען די ערשטע דעסיאטינע. אַזאַ רעכנונג איז אויך נאַנין גוט געוועזען פאַר די פריצים פון דעם געגענד, וואו די ערד איז געוועזען אַ פרוכטבאַרע און זיי האָבען זיך טאַקע מיט פרייד אָנגעכאַפּט פאַר איהם. זיי האָבען, אויף אַזאַ אופן, בעקומען אַ פרעמיע דערפאַר, וואָס זיי האָבען די פויערים געגעבען קליינע חלקים ערד.

וועלכער איבערנעשפּיצטער חכם האָט דאָס געגעבען אַזאַ עצה? אפשר האָבען די „לייבאייגענטהימער" אַרויסגעשטעלט פון זיך אַזאַ מין גאון? ניין. די רויטע טוערער ליבעראַלען, זיי זענען דאָס געוועזען די בעלי-עצה׳ס. זיי זיינען איבערהויפּט געוועזען הייסע פערטהיידיגער פון דער אויסקויפס-אידעע. און ווי מיר זעהען האָבען זיי געפונען אַ מיטעל ווי צו בערוהיגען די לייבאייגענטהימער און האַבען בפירוש בעוויזען, ווי ווייט זיי זענען געוועזען אַפילו פון דעם געדאַנק צו „בעראַבעווען" חלילה די פריצים.

לאָמיר נאָר הערען, וואָס זאָגט ווייערער אַנ'אָנפיהרער (אַגאָוסקי) וועלכער איז, ווי דזשאַנשיעוו דערצעהלט געוואָרען בעוואוסט אין גאַנץ רוסלאַנד מיט זיין ערליכקייט, העלדישקייט און ערעלע טהעטיגקייט לטובת דעם פאָלק.

„בשעת מען האָט בעדאַרפט לעזען די פראַגע, אויף וואָס פאַר אַנ'אופן מען זאָל בעשטימען די סומע פון די אָבצאָהלונג און ממילא אויך איהר קאַפּיטאַליזירען ביים אויסקויף, זענען מיר אַלע געבליעבען אין גרויס פערלעגענהייט. די לייבאייגענטהימער האָבען געפאָדערט, מען זאָל מאַכען אַ רייסטער פון דער ווירטשאַפט, דערביי וואָלט זיך דאָס פערצוינגען אויף

יאָהרען לאַנג. מיר אָבער האָבען דאָס איינגעפונען פאַר ניט נויטווענדיג, פון דיזער פערלעגענהייט האָט אונז אַרויסגעפיהרט מאָדעסט וואָראָביאָוו. ער האָט פאָרגעלעגט אַזא סיסטעם, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען ניט נאָר דורך אונז, נאָר אפילו דורך די רעגירונג. די רעדאַקציאָנס־קאָמיסיעס האָבען נאָר עטוואָס איבערגעאַרבייט דעם חשבון, פערגרעסערענדיג די אָבצאָהלונג פון די ערשטע דעסיאַטינעס און פערקלענערענדיג די אָבצאָהלונג פון דער דריטער און פיערטער. דעם געדאַנק האָט אונז נעגעבען דער פערשטאָרבענער וואָראָביאָוו, כדי מען זאָל קענען גיעכער ענדיגען מיט דעם ענין"! מיר האָבען נאָך אַ עדות פון אַ בעריהמטען „טווערער ליבעראַל" א. גאָלאָוואַטשאָוו: „וואָראָביאָוו האָט באמת פאָרגעלעגט צו בעשטימען די היזבים פאַר אַ חלק פון פיער דעסיאַטין אין 9 רובל, אַרויפלעגענדיג די גרעסטע סומע אויף דער ערשטער דעסיאַטין און פערקלענערענדיג אויף די צווייטע, דריטע און פיערטע". צי קען מען זיך נאָך חדוש'ען, אַז נאָך דעם האָבען די מערהייט און מינדערהייט פון טווערער קאָמיטעט, די רויטע ליבעראַלען מיט די „לייב־איינענטהימער" אַזוי הארציג זיך פעראייניגט ביי דער בעשטימונג פון די פויערשע שטייערן!

די טווערער ליבעראַלען „די אָדלער'ן פון דער בעריהמטער עפּאָכע", ווי קאַוועלין רופט זיי, זיי דאַרפען די רוסישע פויערים זיין דאַנקבאַר פאַר די אויסקויפס־אָבצאָהלונגען, וועלכע זענען ניט צוגעפאַסט צו דער הכנסה פון דער ערד. דאָס האָט נאָך דער פערשטאָרבענער יאַנסאָן גענוי בעוויזען. אַזוי למשל אין נאָווגאָראָדער גובערניע האָט די אויסקויפס־אָבצאָהלונג אָנגעטראָפען פון די גרויסע חלקים 180–210 פראָצענט פון דער הכנסה און פון די קליינע 275–365; אין מאָסקווער גובערניע 205 פראָצענט, אין דער הויך־ליבעראַלער טווערער גובערניע 252 פראָצענט, אין סמאָלענסקער גובערניע 220 פראָצענט, אין קאָסטראָמער 240 פראָצענט, אין פסקאָווער 213 פראָצענט, אין וולאַדימירער 276 פראָצענט און אין וויאַטקער 200 פראָצענט לגבי דער הכנסה.

און נאָר אונטער דעם שטעקען פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט די רעגירונג זיך בעשלאָסען אַרויסצולאָזען דעם בעפעהל

פֿון 28־טען דעצעמבער 1881, וועלכער האט פֿערקלענערט די אונגעהויערע משא און ענדליך געמאכט דעם אויסקויף פֿאַר אַ פֿפליכט, ד. ה. ער האט אַ סוף געמאַכט פֿון דעם פֿאָרמאַלען לײַב־אײגענשאַפֿטס־רעכט, וועלכער האט עקזיסטירט אין דעם געשטאַלט פֿון „צײַטווײַליגע חיובים“. אין די דרום־מערב און מערב־גובערניעס איז די רעגירונג געצוואונגען געווען נאָך אין יאָהר 1863, אונטער דעם דרוק פֿון פּוילישען אויפשטאַנד, צו פֿערקלענערען די אויסקויפס־אָבצאָהלונגען און מאַכען דעם אויסקויף פֿאַר אַן׳אונבעדינגטע פֿפליכט.

ווי פֿיעל האָבען זשע בעקומען די פּריצים פֿאַר די ערד, וועלכע האט קײנמאָל צו זײ ניט געהערט? אַנ׳ערך פֿון אַ מיליאַרד רובל. דאָס קען מען זעהען דערפֿון, וואָס אין דעם משך פֿון יאָהר 1862 ביז דעם 1־טען יאַנואַר 1894 האָבען די „נוטהערציגע“ פּריצים אַרײַנגעלעגט אין קעשענע 895,879,473 רובל. און דער „קײזער־בעפֿרײַער“ האט געזאָגט דעם ריינעם אמת אין דער זיטצונג פֿון גאָסודאַרסטוועני סאָוועט פֿון 28־טען יאַנואַר 1861, אַז „אַלץ וואָס מען האט נאָר געקענט טהאָן צו בעשיצען די אינטערעסען פֿון די פּריצים, האט מען גע־טהאָן“. אמת, מען האט איהם בעוויזען אַז אין דעם הינזיכט קען מען נאָך מעהר טהאָן: דער גאָסודאַרסטוועני סאָוועט האט אין אַ סך ערטער נאָך פֿערקלענערט די חלקים און אײנגעפֿיהרט די „בעטלערשע“ חלקים ערד.

בעטראַכטענדיג די פֿערמאַסקירטע אָבצאָהלונגען פֿאַר די פֿערזענליכע בעפֿרײַאונג פֿון דעם פּויער, די „געשענקטע“ אָדער בעטלערשע חלקים, די אונגעהויערע אָבצאָלונגען, די גרויסע שטיקער ערד, וואָס מען האט אָבגעשניטען פֿון יענע ערד, אויף וועלכע די פּויערים האָבען געווירטשאַפֿט אין דעם מאָמענט, ווען דאָס לײַב־אײגענטהום איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען, די פֿערלענגערונג פֿון לײַב־אײגענשאַפֿט אויף גאַנצע 9 יאָהר ביז ס׳זענען אויסגעאַרבײַט געוואָרען די סטאַטוטען, די „צײַטווײַליגע פֿפליכטען“ וועלכע מען האט געלאָזען אויף אַנ׳אונבעשטימטע צײַט אָנשטאָט די לײַב־אײגענשאַפֿט, דאָס אָבנעהמען פֿון די פּויערים כמעט אַלע לאָנקעס, פֿעלדער, וועלדער, — בעטראַכטענדיג דאָס אַלץ, איז לײַכט צו פֿערשטעהען די אורזאַ־

כען פֿון די „מיספֿערשטענדניסען" אָדער פּראָסט געדערט פֿון די בונטען, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען בײַם פֿערווירקליכען דעם מאַניפֿעסט פֿון 19־טען פֿעברואַר.

און אויב די רוסישע בעפֿרײַאונג אונטערשײדעט זיך מיט וואָס עס איז פֿון דער מערב־אייראָפּעאישער, איז אֶפֿשר נאָר דערמיט, וואָס די עקספּראָפּריאַציע איז דאָ פֿאָרגעקומען אין אַ גרעסערען מאַסשטאַב, וואָס דעם אַקט פֿון אונפֿערשעמטעסטער רויבערײַ האָט מען פֿערפּוצט מיט שווינדלערישע פֿראַזען פֿון וואַסערדיגען ליבעראַליזם.

אויפֿ'ן פּאַפּיר כלומרשט בעפֿרײַטע און עקאָנאָמיש הילפֿלאָזע פּויערים זענען אין גאַנצען איבערגעגעבען געוואָרען צו די פּריציב. שוין אין צעהן יאָהר אַרום, האָט די אָבצאָהלונגס־קאָמיסיע געמוזט מודה זײַן, אַז די פּויערים זענען פֿאָלקאָם רואינירט און אין 15 יאָהר אַרום גיט אונז פּעטער אַלעקסײעוו דאָס פֿאָלגענדע בילד פֿון דער פּויערישער לאַגע: „אַ יאוש כאַפּט אונז אָן, ווען מיר גיבען אַ קוק אויף צוריק. אין נאָך אַ גרעסערע פֿערצווייפֿלונג פֿאַלען מיר אַרײַן, זיך דערמאָנענדיג אָן דעם גרויסען אונפֿערגעסליכען טאָג פֿאַר רוסלאַנד,- דעם טאָג, אין וועלכען דאָס פֿאָלק, פֿול מיט שמחה און האָפֿנונג צו פֿערבעסערען זײַן לאַגע, איז געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענד און געדאַנקט דעם קייזער און די רעגירונג,-דעם טאָג פֿון 19־טען פֿעברואַר 1861. און וואָס זשע? דאָס אַלעס איז פֿאַר אונז נאָר געווען אַ פֿאַלשע האָפֿנונג און אַ חלום!... די פּויערים־רעפֿאָרם פֿון 19־טען פֿעברואַר די „געשענקטע" האָט'ש אַ נויטוועדיגע רעפֿאָרם, בעפֿרידיגט אַפּילו ניט דעם פּויערס נויטוועדיגסטע בעדערפֿניסען. מיר זענען געבליבען פּונקט ווי פֿריהער אָהן ברויט, בײַ אוננוצבאַרע שלעכטע ערד און געוואָרען אָבהענגיג פֿון קאַפּיטאַליסט.

## IV.

די „געשענקטע", חאַטש אַ נויטווענדיגע! אַלעקסיעוו איז געווען דורכאויס גערעכט: די רעפאָרמע פון 19-טען פעברואַר איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט. דיזע „מתנה" איז נעגעבען געוואָרען, ווייל די הערשענדע קלאַסען האָבען שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט.

פונקט ווי אין מערב-אייראָפּאַ, פונקט ווי אין יאַפּאַן איז דאָס לייב-אייגענטהומס-רעכט געפאַלען צוליעב די גרונדליכע ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין די סאָציאַל-עקאָנאָמישע בעציהונגען. די „נאַטורעלע" ווירטשאַפט האָט וואָס ווייטער אַלס מעהרער אָבגעטראָטען איהר אָרט דער געלד-ווירטשאַפט, דער איינפאַכער סחורה-פערקעהר ווערט אַלץ מעהר פערוואַנדעלט אין אַ קאַפּיטאַליסטישען סחורה-פערקעהר און דער איבער-פּראָדוקט בעקומט אַלץ מעהר די פאָרם פון מעהר-ווערטה. די „פאַלקסווירטשאַפט" אָדער ריכטיגער געזאָגט די לייב-אייגענטהומס-סיסטעם מיט איהרע כאַראַקטעריסטישע לייב-אייגענשאַפטס-בעציהונגען האָט זיך פערביטען אויף אַזאַ סאָציאַל-עקאָנאָמישע סיסטעם, וועלכע ברייננט מיט זיך דעם קאַפּיטאַליזם מיט דער עקספּלואַטציע פון „פרייען" אַרבייטער: אויפ'ן פונדאַמענט פון לייב-אייגענטהום ענטוויקעלט זיך שנעל דער קאַפּיטאַליזם.

דאָס אַנטהיילנעמען פון רוסלאַנד אין אויסערליכען האַנדעל בעקומט אַנ'אַנדער כאַראַקטער. די סחורה וואָס זי וואַרפט אַרויס אויף דעם וועלט-מאַרק ערשיינט אַלץ מעהרער אַלס פּראָדוצירטע סחורה. דאָס זענען שוין ניט די אַלטע „איבער-געבליבענע" פּראָדוקטען, וועלכע בעקומען די פאָרם פון סחורה. הייל צוליעב דעם, וואָס זיי זענען צופעליג געוואָרען פערקויפט. שוין פון אָנהייב אָן בעקומען זיי דעם שטעמפעל „פּראָדוצירט צום פערקויף". דאָס קומט פאַר צוליעב דעם, וואָס אין דער צווייטער העלפט פון XVIII-טען יאָהרהונדערט האָט דער גאַנצער וועלט-מאַרק אין גאַנצען אומגעביטען זיין כאַראַקטער. דער קאַפּיטאַליסטישער סחורה-פערקעהר, וועלכער איז אויסגעוואַקסען פון דעם איינפאַכען סחורה-פערקעהר אין יעדער לאַנד בעזונדער,

האָט אָנגעהויבען צו הערשען אויף דעם וועלט-מאַרק אויך. דער וועלט-מאַרק האָט זיך גרינדליך פֿערענדערט ניט נאָר אין זיין גרויס, נאָר אויך אין זיין אינהאַלט. ער ווערט אַלץ מעהרער אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט-מאַרק. די „אַדעלע״ סחורות, וועלכע האָבען ביז אַהער אויסבענעצט געהערשט אין דעם אַלוועלטליכען האַנדעל, האָבען זיך אַלץ מעהר פֿערלאָרען אין דעם גרויסען ים פֿון די „פּראָסטע״ סחורות, וועלכע פֿערפֿלייצען איצט דעם וועלט-מאַרק. ענגלאַנד, וועלכע איז געגאַנגען פֿאָרויס אין דיזער ענטוויקלונג, איז אַליין מעהר געוואָרען אַ פֿאַבריק, וואו מען אַרבייט איבער רויהע מאַטעריאַלען. רוסלאַנד, וועלכע פֿלעגט אַמאַל נאָר אַרויספֿיהרען פּוטערוואַרג, האָניג און וואַקס, וועלכע פֿלעגט אין צווייטען העלפֿט פֿון XVIII-טען יאָהרהונדערט צושטעלען נאָר פּענקע, לעדער, האָלץ און הלב הייבט אָן אין ערשטען העלפֿט פֿון 19-טען יאָהרהונדערט צוצושטעלען ווייץ און דערנאָך האָבער. די האַנדעלס-אינטערעסען פֿון רוסלאַנד אַלס אַ לאַנד וועלכע פֿיהרט אַרויס רויהע, מאַטעריאַלען און הויפּטזעכליך קיין ענגלאַנד, האָבען זי געצוואונגען זיך אָבצוזאָגען אין 1810-טען יאָהר פֿון דער קאָנטינענטאַל-סיסטעם דאָס האָט געדינט אַלס הויפּט-סבה פֿון דער רוסיש-פֿראַנצויזישער מלחמה און ריקאַרדאָ אַן ענגלישער פּאָליטיקאַ-עקאָנאָם האָט שוין גע- קענט אין זיין פּאָלעמיק מיט די ענגלישע „אגראַריער״ אָנווייזען אויף דעם, אַז די תבואה-אַרויספֿיהרונג איז פֿאַר רוסלאַנד שוין געוואָרען אַ עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט. אין די 30-טע און 40-טע יאָהרען האָט רוסלאַנד אָנגעהויבען אַרויסצושטויסען דייטשלאַנד פֿון ענגלישען מאַרק, זי איז געוואָרען דער איינציגער קאָנקו- רענט פֿון אונגאַרען. אין דער בראָשיורע „צו דער קריטיק פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע״ זאָגט מאַרקס, אַז די פֿערגרע- סערטע תבואה-אַרויספֿיהרונג פֿון רוסלאַנד קיין ענגלאַנד אין די 1824—1838 יאָהרען בעווייזט, אַז די רוסישע גוטסבעזיצער פֿער- שטעהען שוין זעהר גוט, וואָס איז דאָס אַזוינס געלד. ווייץ איז אַרויסגעפֿיהרט געוואָרען:

| | | |
|---|---|---|
| אין יאָהר | 1800 | 5.453.000 פּוד. |
| „ „ | 1810—1801 | 5.347.000 „ |

| | | |
|---|---|---|
| אין יאָהר | 1820—1811 | 11.088.000 פוד. |
| „ „ | 1830—1821 | 10.994.000 „ |
| „ „ | 1840—1831 | 15.832.000 „ |
| „ „ | 1850—1841 | 28.312.000 „ |
| „ „ | 1860—1851 | 34.971.000 „ |

דער אינערליבער מכהר איז אויך שנעל געוואַקסען. דער פֿערקעהר פֿון די צוויי הויפּט־מערק ניזשנענאָווגאָראָדער און אירביטער איז אין מיטען 19־טען יאָהרהונדערט שרעקליך אויסגעוואַקסען. אַזוי, למשל, אויף דעם ניזשנענאָווגאָראָדער מאַרק האָט מען:

נעבראַכט סחורה:

| | | |
|---|---|---|
| אין יאָהר 1840 | | פאַר 47.265.000 רובל. |
| פון „ 1841 | ביז 1850 | „ 52.762.000 „ |
| „ „ 1851 | „ 1860 | „ 77.511.000 „ |

פֿערקויפֿט סחורה:

| | | |
|---|---|---|
| אין יאָהר 1840 | | פאַר 38.829.000 רובל. |
| פון „ 1841 | ביז 1850 | „ 44.504.000 „ |
| „ „ 1851 | „ 1860 | „ 69.783.000 „ |

האָטש די פרייזען זענען געווען זעהר פֿערשיעדענע און אין פֿערשיעדענע ערטער, דאָך גלייבען זיי זיך מעהרער אויס איידער אַפילו אין XVIII־טען יאָהרהונדערט.

עס האָט זיך אויך ענטוויקעלט די אינדוסטריע אין ענגען זין פֿון וואָרט. אויב אין יאָהר 1765 איז אין גאַנצען געווען 262 פֿאַבריקען מיט 37.862 אַרבייטער און אין יאָהר 1862 האָבען מיר שוין 5.261 פֿאַבריקען מיט 202.000 אַרביי־טער און אין יאָהר 1854—9.944 פֿאַבריקען מיט 459.637 פֿריי־לוין־אַרבייטער. צוזאַמען מיט דעם וואוקס פֿון פֿלאַקס־אַרויס־פֿיהרונג האָט זיך אויך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען די ליין־אינדוסטריע. אַזוי אין דעם צעהנדלינג יאָהר פֿון 1801 ביז 1810

פֿלעֶגט מעֶן דורכשניט אַרייַנפֿיהרעֶן יעֶהרליך 23.900 פוד בוימוואָהל אין 1821—1830 יאָהר נאָך 85.300 פוד, פֿון 1841—1850 שוין 821.500 און פֿון יאָהר 1851—1860 האָט מעֶן אַרייַנגעֶבראַכט יעֶהרליך דורכשניט 2.143.500 פוד.

אין יאָהר 1829 איז פֿאָרגעֶקומעֶן די עֶרשטעֶ אַלרוסלעֶנדעֶר מאַנופֿאַקטור-אויסשטעֶלונג און אין יאָהר 1851 האָט רוסלאַנד גענומעֶן אַנ'אַנטהייַל אין דעֶר עֶרשטעֶר אַלוועֶלטליכעֶר אויסשטעֶלונג אין לאָנדאָן. ענדליך אין יאָהר 1857 איז רוסלאַנד שוין „געֶקרוינט" געֶוואָרעֶן מיט דעֶם נאָמעֶן קאַפּיטאַליסטישעֶ: דעֶר קריזיס פֿון די 40־גער יאָהרעֶן האָט זי וועֶניג וואָס בעֶריהרט, דעֶריבעֶר אָבעֶר דעֶר קריזיס פֿון די 50־גער יאָהרעֶן האָט שוין געֶהאַט אַ גאַנ'ץ גרויסעֶן אַיינפֿלוס אויף רוסלאַנד אויך. דיזעֶ טיפֿעֶ עֶנדעֶרונגעֶן אין סאָציאַל־עֶקאָנאָמישעֶן לעֶבעֶן פֿון לאַנד האָבעֶן פֿון זייעֶר זייַט אויך אַרויסגעֶרופֿעֶן ניט קיין קלעֶנעֶרעֶ עֶנדעֶרונגעֶן אין דעֶר קלאַסעֶן־סטרוקטור פֿון דעֶר גאַנצעֶר געֶזעֶלשאַפֿט.

עֶס איז אויסגעֶוואַקסעֶן אַ נייַעֶר קלאַס אינדוסטריעֶל־אונטעֶרנעֶהמעֶר, פֿאַר וועֶלכעֶ דאָס לייַבאייגענטהומס-רעֶכט איז געֶוועֶן אַ שווערעֶר לאַסט. די פּריוואַטעֶ פֿאַבריקעֶן האָבעֶן ניט געֶקענט אויסהאַלטעֶן די קאָנקורעֶנץ פֿון דעֶר פֿרייַעֶר לוין-אַרבייַט און אין די 40־טע יאָהרעֶן פֿון 19־טען יאָהרהונדערט האָבעֶן זיי זיך אָנגעֶהויבעֶן ביסלעֶכווייַז צו פֿעֶרמאַכעֶן. ניט קיין בעֶסעֶרעֶ געֶשעֶפֿטעֶן האָבעֶן געֶמאַכט די זאָגעֶנאַנטעֶ פּאָסעֶסיאָן-פֿאַבריקעֶן און זאַוואָדעֶן. פֿעֶרפֿלאָנטעֶרט אין דעֶם נעֶץ פֿון פֿעֶרשיעֶדעֶנעֶ רעֶגירונגס-רעֶגלאַמעֶנטאַציעֶס, ניט האָבעֶנדיג די מעֶגליכקייַט זיך „פֿרייַ" צו שאַפֿעֶן מיט אַרבייַטס-קראַפֿט, פֿאַלעֶן דיזעֶ פֿאַבריקעֶן בעֶדייַטעֶנד אין זייעֶר ווערטה. דעֶרפֿאַר אָבעֶר די פֿאַבריקעֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן געֶאַרבייַט מיט פֿרייַעֶ לוין-אַרבייַטעֶר, האָבעֶן זיך אַלעֶ מאָל שטאַרקעֶר עֶנטוויקעֶלט און ממילא פֿעֶרגרעֶסעֶרט די צאָהל פֿון די פֿרייַעֶ לוין-אַרבייַטעֶר. די רעֶגירונג האָט אויך אַיינינעֶר מאַכעֶן אָנגעֶהויבעֶן זיך צו אינטעֶרעֶסירען מיט דעֶם צושטאַנד פֿון דעֶם האַנדעֶל און אינדוסטריעֶ. אין דעֶר רעֶדעֶ, וועֶלכעֶ מיר האָבעֶן פֿריהעֶר געֶבראַכט, האָט ניקאָלאַי אויך געֶזאָגט „אַז דאָס לייַב-אייגענטהומס-רעֶכט איז די סבה פֿאַר וואָס

עס איז ביי אונז ניטא קיין האנדעל און אינדוסטריע". אין די שריפטען פון די „סלאוויאנאפילען" געפינען מיר שטענדיג דעם מאטיוו: דאס לייבאייגענטהום־רעכט, די „איניציאטיווע", פער־האלט דעם קאפיטאל־וואנדעל אין ז. וו. און ז. וו.

נאך טיפערע ענדערונגען האט ארויסגערופען די אנגעווי־זענע עקאנאמישע ענטוויקלונג אין דעם הערשענדען קלאס. ד. ה. אין דעם אדעל. וואס מעהר די קאטעגאריע פון טויש־ווערטה האט זיך אריינגעריסען אין די אלע לייבאייגענטהומס־בעציהונגען, וואס גיכער די לייבאייגענטהומס־ווירטשאפט האט אבגעטראטען איהר ארט דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט אויף דעם פונדאמענט פון לייבאייגענשאפט, אלץ גיכער האט זיך דער אלטער פעאדאל פערוואנדעלט אין א הייגטוועלטיגען לאנדווירט, אלץ מעהר האט ער זיך גענויטיגט אין געלד. אויב אין אנהויב פון 19־טען יאהרהונדערט איז פערמשכונ'ען דעם מא־יאנטעק געווען זעהר א שווערער און ריזיקאלישער שריט איז אין צווייטען פירטעל פון דעם 19־טען יאהרהונדערט כאפען זיך די פריצים מאסענווייז אן דיעזע אפעראציע. נאר אין יאהר 1843 איז שוין געוועזען פערמשכונט אין דער מלוכה־לייה־באנק און אנדערע בענק 5.575.515 לייבאייגענע מאנסלייט. אין יאהר 1852 גאנצע 5.843.765. און אזוי ווי סך הכל זענען געוועזען לייבאייגענע 10.708.858. הייסט דאס, אז אנ'ערך פון 54 פראצענט לייבאיי־גענע זענען געוועזען פערמשכונט. דעם ערשטען יאנואר 1856־טען האט די צאהל פון פערמשכונטע לייבאייגענע דערגרייכט ביז 6.028.794, פערשטעהט זיך, אז דעם „מיוחס'דיגען" פריין האט זיך זעהר געוואלט בעפרייען פון די פראצענט־צאהלונג פאר דיזע חובות און נאך דערצו בעקומען א קאפיטאל, וועלכער איז אזוי נויטיג צו דערהאלטען די פריצישע ווירטשאפט און צו פיהרען אין איהר די ארבייט מיט געדונגענע הענד. מיר האבען שוין געזעהן, ווי דער אנפיהרער פון די טווערער ליבעראלען האט דערגרייכט זיין ציעל. מיר האבען שוין געזעהן ווי ס'איז געלונגען צו פערווירקליכען זיין אידעע „אז דער יושר אליין פאדערט מען זאל ביי דער פויערים־בעפרייאונג בעפרידיגען די פריצים ניט נאר פאר די ערד, וואס מען נעמט ביי זיי אב, נאר אויך פאר די פערזענליכע בעפרייאונג פון די פויערים.

מיר ווייסען שוין, ווי ס'האט זיך איהם איינגעגעבען ארויסצוקריגען א הסכם אפילו ביי די פריצים פון די „שווארצע ערד" צו געבען זייערע פויערים ביי דער בעפרייאונג ערד־הלקים.

צוליעב דעם איבערגאנג פון דער נאטורעלער ווירטשאפט צו דער געלד־ווירטשאפט זענען פאר די פריצים געווארען „אונערטרעגליך" די פערשיעדענע חובות צו זייערע לייבאייגענע. אפילו אזא מין רעאקציאנער, ווי דער מיניסטער פון אינערען פעראווסקי, שרייבט אויך אין זיין בעריכט פון 1845 יאהר דאס „די גוטסבעזיצער אליין הויבען שוין אן צו פערשטעהען, אז די פויערים זענען פאר זיי א לאסט און עס וואלט זעהר נוטץ געוועזען מען זאל אומענדערען דיזע בעציהונגען, וועלכע טויגען ניט פאר ביידע צדדים. דאס ערקלערט זיך דערמיט, וואס דער ווערטה פון דער ערד האט ביסלעכווייז געשטיגען, וואס ערד איז דא וועניג, וואס די פויערשע חובות זענען זעהר אונבעשטימט און דעריבער קומען אפט פאר פערשיעדענע מחלוקות. די אפטע אונגערעטעניטשען און די שווערע פפליכט אויסצוהאלטען די פויערים אין אזא צייט אויפן איינענעם חשבון, די זארגלאזיגקייט פון פויער, וועלכער איז געוואהנט צו קוקען אויפ'ן פריץ ווי אויף איין אפיקון און דאגה'ט ניט פאר זיך אליין".

דער וואוקס פון דעם ווערטה אויף ערד האט געהאט א בעזונדערע בעדייטונג אין די מיטעלע און דרום'דיגע טהיילען פון דעם געגענד מיט שווארצע ערד. די מאסען־תבואה־פראדוקציאן, ווי צום ארויספיהר, אזוי אויך פאר דעם געברויך פון די בראנפען־ברויערייען, די בוריקעס־פלאנטאציעס, וועלכע האבען געהאט, זעהר א גרויסע בעדייטונג אין דעם רעכטען טהייל פון קליין־רוסלאנד, דאס אלין האט ארויסגערופען די בעדערפניס אין לוין־ארבייט און האט בעשיינפערליך בעוויזען אויף וויפיעל דאס איז נוצליך. „די פראבען צו בעארבייטען די ערד דורך לוין־ארבייטער", זאגט ווייטער דער אויבענדערמאנטער פעראווסקי, „אין סאראטאווער, טאמבאווער, פענזער און וואראנעזשער גובערניעס האבען בעוויזען אז דארט, וואו עס פעלט ניט, קיין געדונגענע ארבייטס־הענד, האט דער אייגענטהימער, וועלכער פירט זיין ווירטשאפט מיט לוין־ארבייטער, א גרעסערען פערדינסט, איידער די לייב־אייגענטהימער".

אין דער איינענער צייט ווען מען האָט זיך אָנגעהויבען צוצופאַסען צו די נייע בעדינגונגען, האָט זיך דער אַדעל נוּפא אויך אָנגעהויבען צו דיפערענצירען. גרינגער פאַר אַלע האָבען זיך צוגעפאַסט צו די נייע בעדינגונגען די גרויסע גוטס־בעזיצער; די קליינע גוטסבעזיצער איז דאָס אָנגעקומען שווערליך. די פויערשע לאַגע איז אין ערגעץ ניט געווען אַזוי שלעכט, ווי ביי די קליינע פריצים. אמת טאַקע, אַז די צאָהל פון אַזעלכע פויערים איז געווען ניט גרויס. פון דער גאַנצער צאָל 106.000 קליינע פריצים, האָבען 17.000 נאָר קײן ערד ניט געהאַט און זייער פערמעגען איז בעשטאַנען נאָר פון „מענשען", וועלכע זענען געווען צוגעשריבען בלויז צו הײַזער, 58.000 האָבען דורכשניט געהאַט צו 77 מענשען און 31.000 צו 49. פירסט וואַסילטשיקאָוו, ביי וועלכען מיר האָבען אַרויסגענומען אָט די ציפער, מאַכט זעהר אַ אינטערעסאַנטע בעמערקונג:

„אין די לעצטע צייט, ד. ה. אין די 30־ער, 40־ער יאָהרען האָט דער קלאַס קליינע גוטסבעזיצער געמאַכט גרויסע פאָרשריט אין בילדונג, אפשר נאָך מעהר פאַר די גרויסע פריצים. בענוצענדיג זיך מיט די בילדונגס־מיטלען, וועלכע קאָנצענטרירען זיך אַם מעהרסטען אין דער הויפט־שטאָדט און גרויסע שטעדט, האָבען די יונגע מענשען דורכגעמאַכט פערשיעדענע האָך־שולען און פון זיי זענען אַרויסגעקומען די געלעהרטע, ליטעראַטען, קינסטלער, אַרמעע־אָפיצירען און מלוכה־בעאַמטע. אָט די אַלע זענען נאָך זייער געבורטה און פאַמיליע אַדעל־קינדער, נאָר נאָך זייערע אַנשאַונגען זענען זיי געווען די הויפט־געגנער פון לייב־אייגענטהומס־רעכט און אַריסטאָקראַטישער הערשאַפט פון גרויסען ערד־אייגענטהום". אָט פון דיעזען קרייז זענען אַרויסגעוואַקסען די ראַדיקאַלסטע כלל־טהוער פון די 40־טע און 60־טע יאָהרען. זיי האָבען געגעבען דעם גרעסטען קאָנטינגענט פון די קינפטיגע בעל־תשובה'דיגע פריצים". די מעבינע עלעמענטען פון אונזערע „עמאַנסיפאַטאָרען" זענען אויסגעוואַקסען פון מיטעל־אַדעל.

די גייסטליכע האָבען אויך ניט געקענט בײַשטעהן דעם אַלגעמיינעם צערשטערונגס־פּראָצעס פון די אַלטע געזעצ־

שאפטליכע בעציהונגען. מעהרער פון אלעמען האבען דערפון געליטען די קליינע נייסטליכע, ד. ה. די דארפישע גלהים. כל זמן עס האט געהערשט די נאטורעלע ווירטשאפט, האבען אפילו יענע דארף-ולהים, וואס האבען געדארפט אויסהאלטען א גאנצען פאק קינדער, ווי עס איז דורכגעלעבט. נאר ווי עס האט זיך בעוויזען די „פיינדליכע קראפט" האט זיך אלס איבערגעביטען. פריהער אז עס איז ניט געוועזען וואו אהינצוטהאן די איבריגע „געברויכ-ווערטה" האט מען זיי אבגעגעבען גאט און זיינע משרשים, איצט אבער, אז מען האט פון אלץ געקענט מאכען מזומנים, איז פאר די דארף-גלהים נאר געבליבען די שרים. פון זיי זענען אויסגעוואקסען נייע פראלעטאריער, וועלכע האבען אנגעפילט די בורסען, אקאדעמיעס און אלס מענשען אהן „יחוס" האבען זיי, צוזאמען מיט די „בעלי-תשובה'דיגע" פריצים, פארגעשטעלט די הויפט-עלעמענטען פון „דענקענדען פראלעטאריאט". שוין אין די פויערים-בעוועגונגען אין וואלאגדער גובערניע, אזוי אויך אין א סך אנדערע בעוועגונגען אין 18-טען און 19-טען יאהרהונדערט האבען די דארפישע גלהים גענומען א גרויסען אנטהייל לטובת די פויערים. דאס זענען אויך געוועזען די איינענע פויערים, וועלכע האבען נאר געקענט לייענען און שרייבען.

מיר זעהען, אז דער באדען פאר „די גרויסע רעפארם" איז שוין געוועזען אין גאנצען פארגעברייט. נאר ווי נויטיווענדיג די רעפארמען זאלען ניט זיין, „גיט" מען זיי נאר דאמאלס, ווען מען „פאדערט" זיי און ווען מען „פאדערט" זעהר שטארק. נאך ראדישטשעוו, איינער פון די ערשטע מארטירער פאר דעם רוסישען פאלק, האט געזאגט: „דאס פאלק וועט בעקומען פרייהייט „אויב ער וועט וועלען" און מיר וועלען טאקע באלד זעהען, אז דער איינענער סאציאל-פאליטישער פראצעס, וועלכער האט איבערגעענדערט און איבערגעטאשט די שטאנד-בעציהונגען און די געזעלשאפטליכע ארדנונג פון לייבאיינענשאפט, האט אויך ניט וועניגער געווירקט אויף דעם פאלק, ער האט איינגעפלאנצט אין איהם דעם ווילען פטור צו ווערען פון דעם לייבאיינענטהום-רעכט.

די פערשקלאפונג פון רוסישען פויער איז אזוי וועניג

געוועזען א רעזולטאט „פון א בהוזען מאך מיט דער פעדער", פונקט ווי זיין בעפרייאונג. האטש די פערשקלאפונג איז טאקע געוועזען צוגעפאסט צו די ענדערונגען אין דער סאציאל-עקאנאמישער געזעלשאפטליכער סטרוקטור, פון דעסטוועגען איז דער פראצעס ניט פארגעקומען אין גאנצען אויף א „פריעדליכען" אופן. דער בונט פון סטענקא ראזין בעווייזט, ווי שווער עס איז געוועזען צוצובינדען דעם רוסישען פויער צו דער ערד. נאר כל זמן דער יסוד פון לייבאייגענטהום-רעכט איז געוועזען די נאטורעלע ווירטשאפט, כל זמן דער הויפט-מאטיוו פון דער פריצישער ווירטשאפט איז נאר געוועזען בעפרידיגען די בעדערפניסען פון דעם פריץ און זיין הויזגעזינד, האבען די בעציהונגען צווישען פריץ און די פויערים געטראגען א פאטריארכאלישען כאראקטער. דער פריץ און די פריצ'טע זענען געוועזען אייגענע „טאטע און מאמע", זיי זענען געווען „בעלי-טובות", די פויערים זענען געוועזען די קינדער, וועלכע מען האט אמת פון צייט צו צייט „געמוסרט", אבער אלץ מיט א „מאס". באלד אבער, ווי דער ווירטשאפטליכער פונדאמענט איז געווארען מעהר-ווערטה, האט זיך אלץ געענדערט. ווען די פעלקער, זאגט מארקס, ביי וועלכע די פראדוקציאן טראגט נאך די נידעריגסטע פארם פון שקלאפען-ארבייט, טרעטען ארויס אויפ'ן וועלט-מארק, וואס איז אונטערגעווארפען צו די געזעצען פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן, ווען זייער פראדוקטען-פערקויף קיין אויסלאנד ענטוויקעלט זיך אזוי שטארק, אז ער ווערט זייער הויפט-אינטערעס, דאמאלסט קומען נאך צו צו די בארבארישע ווילדהייטען פון שקלאפעריי און לייבאייגענשאפט די ציוויליזירטע גרויזאמקייט, וועלכע שטאמט פון איבערמעסיגע ארבייט".

די בעוועגונג פון פוגאטשאוו איז געוועזען דער ערשטער סיגנאל פון דעם נייען אויפרעגונגס-פראצעס. פאוועל דער ערשטער, האט געמוזט שטעלען א גרענעץ צו דער גיעריגער שטרעבונג פון די פריצים ארויסצודריקען פון פויער וואס מעהר איבער-ארבייט. ער האט בעגרענעצט די ארבייט אויף די פריצים (אמת טאקע נאר אויף דעם פאפיר)—נאר מיט דריי טאג. די ארבייט פאר'ן פריץ איז געוועזען אנ'אמת'ע קאטארגע. דער

פֿריהערדיגער פּאַטריאַרכאַלישער כאַראַקטער פֿון די אַרבײַט פֿאַר'ן פּריץ, ווען דער געטרײַער פֿאָטער האָט דאָס רוב געגעבען שײַנע „כבוד" זײַן לײַבאײגענעם, ווערט פֿערשוואונדען; אויף זײַן אָרט קומט אָן די סוחרישע קאַרגקײַט. כל זמן די פּראָדוקטען, וועלכע עס האָבען בעשאַפֿען די לײַבאײגענע פּויערים, זענען געלעגען בײַ דעם פּריץ אין שפּײַער אַלס אַ פֿאָרראַט אויף שפּעטער, כל זמן מען האָט זײ ניט געקענט פֿערקויפֿען, איז דאָס לײַב־אײגענהום־רעכט געשטאַנען אונבעריהרט. דער פּריצישער פֿאָרראַט, וועלכער איז אין דער זעלבער צײַט אויך געוועזען דער פֿאָרראַט פֿון דער אַלטער געמײנדע, האָט געדינט אַלס פֿערזיכערונגס־אײנריכטונג פֿאַר די פּויערים אין פֿאַל פֿון אַנ'אונגערעטעניש; די פֿאָרראַטען האָבען אויך געגעבען דעם פּריץ די מעגליכקײַט צו שפּײַזען עלענדע, אָרעמע קראַנקע און אויף אַזאַ אופֿן האָבען זײ, צוזאַמען מיט די קירכען, געדינט אַלס צדקה־הײַזער פֿאַר אָרעמע און קראַנקע. איצט איז דער „טרײַער פֿאָטער" דורך, דעם „הונגער צו געלד" געוואָרען אַ לאַנדווירט, וועלכער ברענט פֿון לײַדענשאַפֿט צו געלד און וואַרפֿט אַרויס אָהן רחמנות זײַנע אײגענע פּויערים אויפ'ן גאַס.

נאָר, כדי מען זאָל פֿערשטעהן דעם שרעקליכען צאָרן פֿון די פּויערים, דאַרף מען זיך אויך דערמאָנען, אַז אין דער אײגענער צײַט, ווען עס האָט זיך פֿערגרעסערט די עקספּלואַטאַציע פֿון דער פּויערשער פּערזענליכער אַרבײַט איז אויך פֿאָרגעקומען די אונפֿערשעמטעסטע עקספּראָפּריאַציע פֿון דער פּויערשע ערד. די פֿערגרעסערונג פֿון לײַבאײגענשאַפֿט האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ס'איז אויסגעוואַקסען די עקספּלואַטאַציע פֿון דער פּויערשער אַרבײַט, וואָס ס'האָבען זיך פֿערגרעסערט די פּריצישע פֿעלדער אויף דעם חשבון פֿון די פּויערשע, וואָס די פּויערים האָבען זיך פֿערוואַנדעלט אין „חדשים'ניקעס".

און צוזאַמען מיט דעם וואוקס פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט אויף דעם פֿונדאַמענט פֿון לײַבאײגענשאַפֿט, האָט זיך, אַלס מעהר פֿערשאַרפֿט דער „ווידערשפּרוך" צווישען דער ווירטשאַפֿטליכער סיסטעם פֿון לײַב־אײגענטהום און לײַבאײגענטהום־סיסטעם. ווי ווײַט דיעזער ווידערשפּרוך האָט זיך פֿער־

שארפט זעהען מיר פון דעם קאמפף צווישען די פריצים און די פויערים. דער קאמפף האט זיך אויסגעגאסען אין פערשידענע פארמען. די פערשידענע עלעמענטען האבען רעאגירט אויף פערשידענע אופנים. די נאטירליכסטע פראטעסט-פארם איז געוועזען דאס אנטלויפען. הויפטזעכליך האט זיך דאס פערשטארקט אין 19-טען יאהרהונדערט און נאר דערמיט, ווי אויך מיט דער פערגרעסערטער שטערבליכקייט צווישען די לייבאייגענע, קענען מיר ערקלערען פאר וואס די צאהל פון די לייבאייגענע, ווי דאס האבען בעוויזען די לעצטע רעוויזיעס, איז אויף אזויפיעל קלענער געווארען. זעהר בעמערקענסווערט איז אויך דער פאקט, דאס די צאהל פון די זעלבסטמארדען האט זיך שטארק פערגרעסערט צווישען די לייבאייגענע, האטש די לייבאייגענע, וואס זענען געשטארבען פון זעלבסטמארד, פלעגען שטענדיג פיגורירען אין די אפיציעלע ליסטען אלס פלוצלונג-געשטארבענע און ס'איז דעריבער שווער גענוי צו בעשטימען זייער צאהל. נאר דאס איז א פנים זיכער, אז די זעלבסטמארדען זענען געוועזען א געוועהנליכע ערשיינונג. *)

דער געפיהל פון „בעליידיגטען געוויסען", וועלכער האט זיך אויסגעדריקט אין דער שטרעבונג וואס גיכער אויסצוגעהן פון אזא וועלט, וואו עס הערשען די לייבאייגענטהומס-בעציהונגען, ווערט פערשטארקט דורך אנ'אקטיווען אויפשטאנד פון דער „בעליידיגטער עהרע". פון 1816 ביז 1837 זענען לויט די אפיציעלע ציפער גע'הרג'עט געווארען 9 פריצים, פון 1837 ביז 1855 איז גע'הרג'עט געווארען 150, אטענטאטען אויף פריצים איז געוועזען אנ'ערך 80. פערוואלטער זענען גע'הרג'עט געווארען 27. דערביי דארף מען ניט פערגעסען אז די אלע ציפערען זענען נאך ניט דער ריכטיגער אמת. די צאהל פון די אונטערצינדונגען איז נאר גישט מעגליך אויסצורעכענען. עס איז אויך שווער צו בעשטימען די צאהל פון די פריצים, וואס די פויערים

*) אין די פאפירען פון סקווירער אויעזד-געריכט געפינען מיר, אז אין דעם משך פון די לעצטע פינף יאהר פון לייבאייגענטהומס-רעכט (1860—1855) איז געוועזען אין דעם אויעזד זעלבסטמארדען, פלוצלונג-געשטארבענע 443 ד. ה. צו 73,33 אין א יאהר. אין די ערשטע פינף יאהר נאך דער בעפרייאונג (1666—1661) נאר 272 צופאלען, ד. ה. צו 46,56 א יאהר.

האָבען געשלאָגען און געשמיסען. האָטש אָט די פּאַקטען האָבען זיך אַם מעהרסטענס איבערגעחזרט אין לעצטען פּעריאָד פון דעם לייב־איינגענטהומס־רעכט האָט מען וועגען זיי גאַנץ ווענינ געוואוסט, ווייל די פּריצים פלעגען האַלטען בסוד אַזעלכע „בזיונות'דיגע" פּאַקטען.

עס איז אויך אויסגעוואַקסען אין זעהר אַ הויכע מדרנה די צאָהל פון די פויערים-בונטען. אין דער רעגירונגס־צייט פון ניקאָלאַי דעם 1-טען איז פאָרגעקומען אַנ'ערך פון 556 בונ־טען, ד. ה. דורכשניט צו 19 בונטען אַ יאָהר. די צאָהל פון די אונרוהען האָט געוואַקסען ביז סוף 40-ער יאָהרען און זיי האָבען עררייכט די העכסטע מדרגה אין 1848–1854 יאָהר.

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פון | 1826 | יאָהר | ביז | 1830 | איז פאָרגעקומען | 41 | אונרוהען. |
| „ | 1830 | „ | „ | 1834 | „ | 46 | „ |
| „ | 1835 | „ | „ | 1839 | „ | 59 | „ |
| „ | 1840 | „ | „ | 1844 | „ | 101 | „ |
| „ | 1845 | „ | „ | 1849 | „ | 172 | „ |
| „ | 1850 | „ | „ | 1854 | „ | 137 | „ |

פאַר ניט פאָלגען די פּריצים האָט מען פערשיקט אין סיביר אין אַ משך פון 20 יאָהר (1826–1846) 1030 מאַן (827 מאַנספּערזאָן און 203 פרויענצימער).

צום ענדע פון ניקאָלאַי דעם 1-טענס רעגירונגס־צייט איז די פויערשע שטרעבונג „פטור צו ווערען" פון די פּריצים געוועזען אַזוי שטאַרק, אַז אין דער לופט האָט געשמעקט מיט אַ נייעם פּוגאַטשאָוו־אויפשטאַנד. זעהר קלאָר האָט זיך אַרויס־געוויזען די דאָזיגע שטרעבונג פון די פויערים אין די אונרו־הען, וואָס זענען פאָרגעקומען נאָך דעם מאַניפעסט פון 1854 יאָהר, וועלכער האָט גערופען די בעפעלקערונג אויף מיליטער־דינסט. צווישען די לייבאייגענע האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג אַז יעדערער, וועלכער וועט זיך פערשרייבען אין רעקרוטען, וועט ווערען בעפרייט און בעקומען ערד. עס האָט נישט גע־האָלפען קיינע פערזיכערונג, אַז אַזאַ געזעץ איז נאָר אויף דער וועלט ניטאָ: די פויערים האָבען זיך ניט בערוהיגט.

אָט די אַלע אויפֿרעגונגען, די גרויזאַמע אָנזאָגער פֿון דעם קומענדען שטורם, האָבען גענוג בעוויזען, ווי אָנגעשטרענגט דאָס פֿאָלק האָט געוואַרט אויף די נאָהענטע בעפֿרייאונג פֿון לײַבאייגענשאַפֿט און וואָס פֿאַר אַ גיך־אויפֿפֿלאַמענדער מאַטעריאַל ס׳איז דאַמאָלס געווען דער פֿויער־שטאַנד. צי דאַרף מען נאָך דערמאָנען אָן די ווערטער, וואָס אַלעקסאַנדער דער 2־טער האָט געזאָגט דעם מאָסקווער אַדעל: „עס איז גלײַכער אָבצושאַפֿען דאָס לײַבאייגענטהומס־רעכט פֿון אויבען, איידער וואַרטען, ביז ער וועט אָנהייבען אָבגעשאַפֿט ווערען פֿון אונטען".

מיר זעהען אַז ראָדישטשעוו איז געווען גערעכט. דאָס פֿאָלק האָט בעקומען פֿרייהייט, ווײַל ער האָט „געוואָלט". מיר האָבען שוין אויך געזעהען, ווי די „געשענקטע" פֿרײַהייט האָט מען „פֿערקירצט" פֿון אַלע זײַטען. ווי שטאַרק עס זאָל אָפֿטמאָל ניט זײַן די אויפֿרעגונג פֿון די פֿויערים, זענען זיי פֿאָרט ניט פֿעהיג, לויט זייערע לעבענס־בעדינגונגען, צו אַנ׳אַלגעמיינע פּאָליטישע טהעטיגקייט. זיי שטעלען פֿאַר אַזאַ בעפֿעלקערונגס־שיכט, בײַ וועלכער די גלײַכע אינטערעסען זענען ניט אַלע מאָל געמיינזאַמע. זיי טרעטען אַרויס אַלע צוזאַמען נאָר דאַמאָלס, ווען זיי אַלעמען האָט געטראָפֿען אַן אַלגעמיינע צרה, ווי למשל אַ סטיכינער אונגליק. די אָרטיגע אינטערעסען פֿאַרנעמען בײַם פֿויער דעם ערשטען פּלאַץ און דעריבער, ווי גרייט ער זאָל ניט זײַן צו אַ ווידערשטאַנד, איז זעהר גרינג איהם אָבצוקויפֿען מיט וואָס ס׳איז פֿאַר אַ נדבה. די פּאָליטישע אַקטיוויטעט פֿון די פֿויערים איז ניט זעהר גרויס אַפֿילו דאַן, ווען די פֿויערענשאַפֿט איז נאָך ווייניג דיפֿערענצירט, בפֿרט נאָך דאַמאָלס, ווען די געלד־ווירטשאַפֿט האָט שוין געהאַט אויף זיי אַ טיעפֿערע ווירקונג.

די לײַבאייגענע זענען אַזוי ווייניג געווען איינאַרטיג, פּונקט ווי דער אַדעל פֿאַר די רעפֿאָרמען. זיי זענען שוין דאַמאָלס געווען צופֿאַלען אויף פֿערשיעדענע טעריטאָריעלע גרופּען מיט בעזונדערע, האָטש איינאַרטיגע אינטערעסען. אין די גובערניעס, וואו די ערד איז ניט פֿרוכטבאַר, האָט דער גרעסטער טהייל פֿויערים געדאַרפֿט אַרײַנטראָגען דעם לײַבאייגענטהימער

געווינסע אָבצאָהלונגען („אָבראָק"). די הויפּט־הכנסות פון די
לײַבאײַגענטהימער איז נאָר בעשטאַנען אין די הכנסות, וועלכע
די פּויערים האָבען געהאַט ניט פון ערד־אַרבײַט, נאָר פון אַנ־
דערע בעשעפטיגונגען. אין אַזעלכע גובערניעס האָבען פילע
פויערים געשטרעבט איבערהויפּט זיך בעפרײַען פון זייער
פּערזענליכער אָבהענגיגקײַט. די ערד האָט בײַ זיי קיין גרויסע
ווערדע ניט געהאַט. די גוטסבעזיצער האָבען, פערקערט, זיך
געשטאַרעט, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזעהען אַ בײַשפּיל,
אָנוואַרפען די פויערים זאַמד און בלאָטעס; אונטער דער מאַסקע
פון אויסקויפּ־געלד פאַר די אונגוציגע ערד, האָבען זיי אויף
אַזאַ אופן בעקומען אויסקויפּ־געלד פאַר די פערזענליכע בעפ־
רײַאונג פון פויער. אין די גובערניעס, וואו די ערד איז געווען
שוואַרצע און פרוכטבאַרע האָט דער גרעסטער טהייל פויערים
געדאַרפט בעאַרבײַטען די פּריצישע ערד („באַרשטשינאַ") און זיי
איז אויסגעקומען צו קעמפפען מיט דער שטרעבונג פון די פּרי־
צים זיי אַראָבצוטרײַבען פון דער ערד. און אויב דעם פערבאַנד
פון די פּריצים פון די שוואַרצע ערד מיט די פּריצים פון
אונפרוכטבאַרע ערד איז געלונגען אונטער דעם פליגעל פון דעם
געבילדעטען טווער־ער אַדעל, צו ערייכען זייערע ציעלען, איז
דאָס נאָר דעריבער, ווײַל די פויערים זענען נאָר געוועזען פע־
היג אויף איזאָלירטע, אָבגעזונדערטע „כּטיבינע" בונטען.

די פויערנשאַפט איז געוועזען צוטהײַלט ניט נאָר מעריַ־
טאַריעל. צו דער צײַט, ווען דאָס לײַבאײַגענטהומס־רעכט איז
פערניכטעט געוואָרען, האָט זיך פון די פויערים אָבגעטהײַלט
אַ פערמעגליכער עלעמענט, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ
שאַרפען געגענזאַץ צו דער איבעריגער מאַסע פויערים. אין די
געגענדען, וואו די ערד איז ניט געוועזען קיין שוואַרצע, זענען
דאָס געוועזען די „פויערים בעלי־בתים", די אורעלטערען פון
די הײַנטיגע קולאַקעס, פון וועלכע מען פלעגט געוועהנליך
בעשטימען די בורגמײַסטערס. אַחוץ דעם זענען אי, דאָ אי דאָר־
טען געוועזען פּראָצענטניקעס און פאַרשטעהער פון האַנדעלס־
קאַפּיטאַל. אָט די עלעמענטען האָבען אויך אַרײַנגעטראָגען אַ
צושפּאַלטונג אין די פויערנשאַפט און פערגרינגערט די אַלטע
פּאָליטיק פון די הערשענדע קלאַסען—„צערטהייל און געוועלטיג"

אט די פאליטישע פאסיוויטעט פון די פועריםאיז געוועזען די אורזאכע דערפון, וואס די „פארשטעהער פון דער דאמאלסדיגער ראדיקאלער־אינטעליגענץ האט מעהר נישט געקענט ווי „אבשרעקען" פון זיך די געזעלשאפט. זייערע עקסטע פאדערונגען האבען דערמאנט די הערשענדע קלאסען אן די שרעקליכע צייטען פון פוגאטשאוו. און טשערנישעווסקי האט מיט התלהבות פערטהיידינט די פראיעקטען, וועלכע ער אליין האט געהאלטען פאר „אונמעגליך דורכצופיהרען ביי היינטיגע פערהעלטניסען", ווייל ער האט געוואוסט גאנץ גוט אז די פראיעקטען, וועלכע קענען יא ווערען „פערווירקליכט ביי היינטיגע פערהעלטניסען" וועלען האבען גענוג פערטהיידיגער אהן איהם. און אויב די רעזולטאטען האבען ניט בעפרידיגט זיינע פערלאנגען, האט ער פארט מיט זיינע חברים אבגעטהאן די איינציגע רעוואלוציאנערע זאך: זיי האבען ארויסגעשטעלט און פערטהיידיגט אויף וויפיעל דאס איז געוועזען דאן מעגליך ביי די דאמאלסדיגע בעדינגונגען דעם מאקסימום פאדערונגען, וועלכע מען האט דאמאלסט נאר געקענט ארויסשטעלען. די הויפט־ארבייט איז פארט אבגעטהאן געווארען. די יורידישע בעפרייאונג פון די ארבייטענדע מאסען האט בעדארפט דינען אלס ערשטער שריט צו זייער פאליטישער און שפעטער סאציאלער בעפרייאונג. אט דיזען גלויבען האט נעקראסאוו ארויסגעזאגט אין די פאלגענדע ווערטער:

„איך ווייס אז אויף דעם ארט פון די לייבאייגענטהומס־קייטען, האבען די מענשען אויסגעטראכט אנדערע, נאר זיי צו צערשטערען וועט זיין אסך גרינגער און דעריבער בעגריס איך מיט האפנונג די פרייהייט"

נאר וואו איז די רעגירונג? וואו זענען די „זעלבסטשטענדיגע" אינטערעסען, וועלכע האבען זי געצוואונגען ארויסצוטרעטען אין דער ראלע פון „בעפרייער". עס איז גענוג צו ווארפען א בליק אויף די געשיכטע פון לייב־אייגענטהום אין דער צייט פון ניקאלאי דעם 1־טענס הערשאפט, מען זאל זעהען ווי פארזיכטיג די זעלבסטהערשענדע רעגירונג איז געוועזען, ווען איהר איז אויסגעקומען צו בעריהרען די פריצישע אינטערעסען. נאר דאמאלסט, ווען דער אויבענאנגעוויזענער סאציאל־עקאנאמישער

פּראָצעֶס האָט אַרויסגעֶרוּפעֶן פעֶרשִׁיעדעֶנעֶ עֶנדעֶרוּנגעֶן, האָט זִיךְ דִי רעֶגִירוּנג, האָפּעֶנדִיג אויף דִי הִילף פוּן אַ געֶווִיסעֶ גרוּפּעֶ פּרִיצִים, עֶנטשׁלאָסעֶן—אויב מעֶן קעֶן אָנרוּפעֶן עֶנטשׁלאָסעֶנהײַט יעֶנעֶ אוּנעֶנטשׁלאָסעֶנעֶ פּראָבעֶן פוּן דִי 50-ער יאָהרעֶן—און אַוועֶקגעֶשׁטעֶלט דִי פראַגעֶ וועֶגעֶן „אויסבעֶסעֶרעֶן דִי לאַגעֶ פוּן דִי פּרִיצִישׁעֶ פּויעֶרִים". עֶס וואָלט געֶוועֶזעֶן נִיט שׁוועֶר צוּ דעֶרווײַזעֶן אויף ווִיפִיעל אִין דִי אַלעֶ אוּנזִיכעֶרעֶ, שׁוואַנקעֶנדעֶ שׁרִיט פוּן דעֶר רעֶגִירוּנג האָט זִיךְ אָבגעֶשׁפִּיגעֶלט דעֶר ברעֶנעֶנדעֶר אִינטעֶרעֶסעֶן-קאַמפּף, וואָס האָט זִיךְ געֶפִיהרט צווִישׁעֶן דִי אַדעֶלִיגעֶ גוּפא—דעֶר קאַמפּף, וועֶלכעֶר אִיז פאָרגעֶקוּמעֶן אִין אַנ'אַטמאָספעֶרעֶ פוּן פאָלקס-אויפרעֶגוּנגעֶן, וואָס האָבעֶן זִיךְ יעֶדעֶ רגע געֶקעֶנט אויסגִיסעֶן אִין אַ מעֶכטִיגעֶן רעֶוואָלוּציאָנעֶרעֶן שׁטראָם, אִין אַנ'אַטמאָספעֶרעֶ פוּן „אוּנטעֶראִירדִישׁעֶ" טהעֶטִיגקײַט, וואָס ס'האָבעֶן געֶפִיהרט דִי עֶקסטעֶ עֶלעֶמעֶנטעֶן פוּן דעֶר פאָלקס-פרײַנדלִיכעֶר אִינטעֶלִיגעֶנץ.

נִיט דִי כראָנִישׁעֶ דעֶפִיצִיטעֶן, נִיט דִי שׁווִערעֶ לאַגעֶ פוּן דעֶר גאַנצעֶר מלוּכה-ווִירטשׁאַפט בכלל, נִיט דִי אוּנפעֶרשׁעֶמטעֶ גנוּבות פוּן דִי בעֶאַמטעֶ, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן פאָרגעֶקוּמעֶן פאַר אַלעֶמעֶן אִין דִי אויגעֶן און פוּן וועֶלכעֶ דִי רעֶגִירוּנג האָט זעֶהר גוּט געֶוואוּסט, נִיט אַפִילוּ דעֶר בעֶוואוּסטזײַן אַז דאָס לײַבאײַגעֶנטהוּמס-רעֶכט שׁטעֶרט דעֶר עֶנטווִיקלוּנג פוּן האַנדעֶל און אִינדוּסטרִיעֶ, נִיט דאָס אַלץ האָט געֶקעֶנט צווִינגעֶן נִיקאָלאַי דעֶם 1-טענס רעֶגִירוּנג אַרויסצוּטרעֶטעֶן געֶגעֶן דִי פּרִיצִים. און אויב דעֶר קרִים-קרִיעג, וועֶלכעֶר האָט בעֶשׁײַנפּעֶרלִיךְ אויפגעֶדעֶקט אָט דִי אַלעֶ פאַקטעֶן און בעֶווִיזעֶן, אַז כל זמן עֶס עֶקזִיסטִירט דִי לײַבאײַגעֶנטהוּם-אָרדנוּנג אִיז דִי מלוּכה, ד. ה. דִי אָרגאַנִיזאַצִיעֶ פוּן קלאַסעֶן-העֶרשׁאַפט, נִיט אִים שׁטאַנד צוּ בעֶשִׁיצעֶן אַפִילוּ דִי אײַנעֶנעֶ זִיכעֶרהײַט געֶגעֶן דעֶם „אויסעֶרלִיכעֶן" שׂונא, אויב דִיזעֶר קרִיעג האָט יעֶ געֶטרִיבעֶן צוּ דעֶר רעֶפאָרם פוּן 19-טען פעֶברוּאַר, אִיז דאָס נאָר דעֶרִיבעֶר, ווײַל עֶר האָט נאָךְ קלאָרעֶר בעֶווִיזעֶן דִי אוּנאויפהאַלטבאַרעֶ שׁטרעֶבוּנג פוּן פּויעֶר „פּטוּר צוּ ווערעֶן" פוּן דִי פּרִיצִים.

אִין עֶכטעֶן „האַרץ פוּן רוּסלאַנד" האָט זִיךְ אויפגעֶהויבעֶן דעֶר „אִינעֶרלִיכעֶר שׂונא". אמת טאַקעֶ אַז דעֶר שׂונא אִיז נִיט

געוועזען אָרגאַניזירט, זיין פּאָליטישער בעוואוסטזיין איז געוועזען שוואַך: ער איז אָבער געוועזען שטאַרק דורך זיין האַס צו דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. ער איז אויך געוועזען געפֿעהרליך דורך זיין אונגעהויערע צאָהל: דאָס איז געווען אַ שונא מיט וועל־כען מען האָט זיך געמוזט רעכענען. די רעגירונג, וועלכע האָט ניט געקענט בײַשטעהן געגען אויסערליכען פֿיינד, האָט אויך ריזיקירט בעזיעגט צו ווערען פֿון דעם אינערליכען שונא.

כדי צו פֿערהיטען די קלאַסען־הערשאַפֿט האָט מען גע־מוזט ענדערען איהר פֿאָרם. דעם 20־טען פֿעברואַר 1855 יאָהר האָט אַלעקסאַנדר דער 2־טער צוזאַמענגערופֿען אַלע גרעסטע בעאַמטע ביי זיך אין קאַבינעט אין ווינטער־פּאַלאַץ בעראַטען זיך וועגען דער פֿראַגע, צי מען זאָל ווייטער פֿיהרען די מלחמה, אָדער שליסען פֿריעדען און דאַמאָלסט האָט טאַקע אויסגענומען די מיינונג פֿון יענע, וועלכע האָבען געזאָגט „אמת טאַקע די גרעסטע מעהרהייט פֿון רוסישען פֿאָלק איז טיעף דורכגעדרונגען מיט דעם בעוואוסטזיין פֿון זייער פֿפליכט, נאָר עס זענען אָבער דאָ אַזעלכע עלעמענטען, וועלכע קענען זיך אַנהויבען וואַקלען און דעריבער דאַרף מען זיך ניט שטעלען אויף אַזאַ געפֿעהר־ליכען וועג, וועלכער וועט אונפֿערמיידליך ברענגען צו אַסך שווערערען צושטאַנד ווי איצט". און ווען ניט די געפֿעהרליכע שטימונג פֿון די פּויערים, וועלכע האָט געצוואונגען די רעגירונג דורכצוזאָגען דעם מאַניפֿעסט פֿון 19־טען פֿעברואַר דורך די גע־זעצגעבענדע אינסטאַנציעס, וואָלט די רעגירונג נאָך אַלץ געבליבען אַ שפּיעלצייג אין די הענד פֿון פֿערשידענע גרו־פּען אַדעליגע. דערפֿאַר אָבער, גלייך נאָר ווי זי האָט זיך בע־רוהיגט פֿון דעם שרעק האָט זי זיך גענומען מיט אַ „אייזערנער ענערגיע" דערשטיקען די „קראַמאָלע", וועלכע האָט פֿאַנאַנדער־געבלאָזען די „פֿונקען פֿון די פּויערשע האָפֿנונגען".

דער קרים־קריעג, וועלכער האָט געדויערט העכער צוויי יאָהר, האָט געדינט אַלס אַן הקדמה צו דער עפּאָכע פֿון „גרוי־סע רעפֿאָרמען". אָט דער אומשטאַנד, וואָס די רעוואָלוציאָנע־רע אינטעליגענץ איז געוועזען אָבגעזונדערט פֿון דער „בונטאַ־ריש"־געשטימטער פּויערענשאַפֿט, וועלכע איז אַליין ניט

פֿעהיג צו א וועלכע ניט איז שטארקע און ברייטע ארגאניזאציע, האט געגעבען דער רעגירונג די מעגליכקייט זיך ארויסצופלאנטערען פֿון דער שווערער לאגע און אבצורייסען לטובת די „לייבאייגענטהימער" פֿון יענער פֿרייהייט, וועלכע מען האט מיט אזוי פֿיעל מיהע ערקעמפֿט. נאך לייכטער איז דאס איהר אנגעקומען מיט די איברינע רעפֿארמען. אחוץ די רעפֿארמען וועגען געריכט, וועלכע זענען ארויסגערופֿען געווארען דורך די אויסגעוואקסענע בעדערפֿניסען פֿון בירגערליכען לעבען און וועלכע זענען צוגעשניטען געווארען אויף דער מערב-אייראפעאישער מאדע, זענען אלע איבעריגע געוועזען נאר א פוסטע פורים-שפילעריי, וועלכע קען פֿערבלענדען נאר די ליבעראלע ליבהאבער פֿון „פֿרעהליכע ערשיינונגען". אזוי למשל די בעריהמטע זעמסקע רעפֿארמעס פֿון 1864 יאהר, נאך וועלכע עס שמאכטען אזוי אונזערע „טווערער ליבעראלען", איז באמת נאר געוועזען א בעלוינונג די פריצים פֿאר זייער פֿערלארענע ממשלה.

דער מאניפֿעסט פֿון 19-טען פֿעברואר האט ברייט געעפֿענט די טירען פֿאר דעם עכטען, אמת-ריינעם קאפיטאליזם. אויף דעם ארט פֿון פויער האט די עקאנאמישע ענטוויקלונג אלץ מעהר ארויסגעשטעלט דעם פשוטען פראלעטאריער, דעם שטאדט-ארבייטער. אין דער געשטאלט פֿון דער רוסלענדער סאציאל-דעמאקראטיע פֿעראייניגט זיך די רוסישע רעוואלוציאנערע אינטעליגענץ מיט „דעם פֿאלק"; אין איהרע רייהען טרעט אלץ מעהר אריין די ארבייטער-אינטעליגענץ. דער נעגענזאץ צווישען די סאציאל-עקאנאמישע פֿערהעלטניסען און זייער פאליטישע ארגאניזאציע, ווערט אלץ שטארקער און דריקט זיך אויס אלץ דייטליכער אין די נייע פֿארמען פֿון קלאסען-קאמפף.

די יאהרען, וועלכע זענען פֿאריבער פֿון 1861-טען יאהר, יאהרען פֿון אונאויפהאלטבארער ענטוויקלונג, זענען פֿערביי ניט אומזיסט. די סטיכינע בונטען פֿון די 40-ער און 50-ער יאהרען זענען נאר א קינדער-שפיעל לגבי די ראסטאווער פאסירונגען פֿון יאהר 1902 און די אלגעמיינע שטרייקען אין גאנץ דרום-רוסלאנד אין יאהר 1903.

דעם 13־טען פֿעברואַר 1861 יאָהר האָט נ. מיליוטין בעקומען דעם פֿאָלגענדען בריעף פֿון דער פּרינצעסין עלענאַ פּאַוולאָוונאַ: „איך האַלט פֿאַר נויטיג אייך מודיע צו זיין, דאָס מיינע מענשען זאָגען, אַז אויב עס וועט דעם 19־טען פֿעברואַר ניט אַרויס עפּעס אַ געזעץ, וועט דער המון זיך לאָזען צום פּאַלאַץ פֿאָדערען אַנ'ענטשײדענען ענטפֿער. מען דאַרף זיך בעציהען מיט מעהר אויפֿמערקזאַמקייט צו דיזען קלאַנג: אַזאַ דעמאָנסטראַציע קען אַמאָל זיין זעהר געפֿעהרליך”.

די רעגירונג האָט זיך צוגעאַײלט. דעם 19־טען פֿעברואַר איז שוין געווען אונטערגעשריבען דאָס געזעץ וועגען דער בעפֿרייאונג פֿון די לייבאייגענע. די פֿאָרם פֿון דער עקספּלואַטאַציע האָט זיך נאָר געענדערט, בעזייטיגען די עקספּלואַטאַציע גופא האָט נאָר קיינער ניט געקלערט. די אַרבייטער־מאַסען האָבען בעקומען אַ פֿאַלשע פֿרייהייט.

עס איז פֿאַרביי גאַנצע 44 יאָהר, און דעם 9־טען יאַנואַר 1905 האָבען זיך צעהנדליגער טויזענדער פּעטערבורגער אַרבייטער געלאָזען צום ווינטער־פּאַלאַץ מיט אַ בקשה, מען זאָל שענקען די אַרבייטער־מאַסען און אויך גאַנץ רוסלאַנד פּאָליטישע פֿרייהייט. די פּאָליטישע פֿרייהייט איז דער ערשטער טריט צו דער סאָציאַלער בעפֿרייאונג; די ענדערונגען אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פֿון דער קלאַסען־הערשאַפֿט דאַרף אָבראַמען דעם וועג צום קאַמפּף פֿון אַרבייטער־קלאַס פֿאַר די פֿערניכטונג פֿון דער עקספּלואַטאַציע פֿון מענשען דורך מענשען אין אַלע איהרע פֿאָרמען. די רעגירונג האָט געענטפֿערט מיט פֿייער און קוילען. זי האָט מנצח געווען, נאָר ניט אויף לאַנג.

אויף דעם פּראָטעסט־געשריי פֿון די פּעטערבורגער אַרבייטער, אויף די קרעכצען פֿון די פֿערוואונדעטע און שטערבענדע האָבען זיך אַצונד אָבגערופֿען הונדערטער טויזענדער אַרבייטער איבער גאַנץ רוסלאַנד. עס האָבען זיך אָבגערופֿען די אַרבייטער פֿון העלסינגפֿאָרס, וואַרשאַ, לאָדז, ווילנאָ, מאָסקווע, באַטום, יעקאַטערינאָסלאַוו, קיעוו, טיפֿליס, באַקו. אַהן שום נאַציאָנאַלען אונטערשייד האָבען זיי זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין מעכטיגע מאַססע: דער אַרבייטער־קלאַס האָט געפֿאָ־

דערט אַ קאָנסטיטואירענדע פערזאַמלונג, וועלכע זאָל מאַכען א סוף צו דער פאָליטישער פערשקלאַפונג פון די ארבייטערי מאַססען.

און ווען אונזערע אונגליקליכע פויערים וועלען נעוואָר ווערען אַז צוזאַמען מיט דער פאָדערונג פון פאָליטישע פריי־הייט, האָבען די פעטערבורגער ארבייטער–דאָס בלוט און פלייש פון די פויערים–אויך געפאָדערט, אַז מען זאָל ביסלעכווייז איבערגעבען די ערד אין די הענד פון פאָלק, דאַמאָלס וועלען די טענ פון דער אַלטער אָרדנונג זיין געצעהלטע. בע־קעמפפען די רעוואָלוציע אין די שטעדט, ווען זי ווערט אונטערנעשטיצט דורך די רעוואָלוציע אין די דערפער, איז אונמעגליך.